STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04853

# OYDTSHORN

Leybl Feldman

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by the Milton Paper Company*
*in memory of*
*Priscilla Rudin Stern*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייבל פעלדמאַן

# אוידטסהארן – „ירושלים ד׳אַפריקע״

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

◆

יאָהאַנעסבורג — 1940

OUDTSHOORN — "JERUSALEM D'AFRIKA"

By LEIBL FELDMAN.

Johannesburg — 1940.

---

Printed by The Sterling Printing Co. (Pty.) Ltd.
Johannesburg.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

# באמערקונג

„אוידטסהארן — ירושלים ד'אפריקע", האט געזאלט גע־דרוקט ווערן מיט איבער א יאר צוריק אלס א טייל פון אן אלמאנאך וואס דער ד. אפריקאנער „איקוף" האט צוגעגרייט.

צוליב דער מילכאמע איז דאס ארויסגעבן פון אלמאנאך ניט מעגלעך געווארן. דערשיינט די מאנאגראפיע וועגן אט דעם מערקווירדיקן ד. אפריקאנער יידישלעכן שטעטל אין פארם פון א בראשור.

דער מעכאבער.

יאהאנעסבורג, סעפטעמבער 1940.

# אוידטסהאָרן — ירושלים ד'אפריקע

וויניק האָט זיך געביטן די „קליינע קאַרו" (קייפּ־פּראָווינץ) זינט אייראָפּעער האָבן איר גענומען באַטרעטן.

מיטן אויסנאַם פון קליינע זייער פּרוכטבאַרע שטאַכים ערד צופוסנס פון בערג און ביי טייכן, און מיטן אויסנאַם פון קלענערע און גרעסערע שטעטלעך פאַרט מען נאָך זעלטן פאַרביי פאַרהיימישטע ווינקלען פון אייראָפּעער און נאָך זעלטענער פון קאָליִרטע אָדער שוואַרצע.

די וועגן זיינען פאַרהעלטנישמעסיק גוטע. מען זעט טעלעגראַף־סלופּעס און ווייס געקאַלכטע שטיינער ביי אַ שאַרפן פאַרדריי פון וועג. דאָ און דאָרט זעט מען ווינטערדער — אַן אַנזאַג אויף אַ ברונים, וואָס שטילט דעם דאָרשט פון מענטשן, רינדער און פי. נאָך זעלטענער פאָרט מען פאַרביי אַ פאַרם־הויז אַרומגערינגעלט מיט אַ זעטיקער גרינקייט פון קלעווער (לוסערן) אָדער אַנדערע געוויקסן. אָפּפאַרנדיק הונדערטער מײַלן אין דער „קליינער קאַרו", זעט מען פון צייט צו צייט, שמוציקע, ציגל־קאָליִרטע און גראָ באַזילבערטע סטאַדעס שעפּסן און ציגן — נאָך אַד האיעם די איינציקע סימאַנים פון מענטשלעכן אינטערעס. עס ציען זיך הונדערטער מײַלן פון זונפאַרברענטן נאַקעטן פלאַכלאַנד, וואָס איז פּונקט אַזוי ווי אין די אוראַלטע צייטן. אָט דער נאַקעטער נאַטור־דאָלעם ווערט ווו ניט ווו באַפוצט מיט פּאַרפור־ און געלע בויש־בלומען, גרויסע רויטע קאַקטוס בליונג, און פון בערג באַשאָטנטע טאָלן, ווו עס געפינט זיך וואַסער.

אין דעם ראַוו פון די קלענערע און גרעסערע שטעטלעך פון דער „קליינער קאַרו" האָבן שוין מיט פופציק יאָר צוריק געלעבט יידן, זיי האָבן דאָרט ניט נאָר געלעבט אַן אייגנאַרטיק לעבן ווי פאַר דאָרעם־

אפריקע, נאר זיי האבן דארט געשאפן א ירושלים ד'אפריקע, ווי עס ווערט באצייכנט אוידטסהארן — דאס גרעסטע שטעטל אין דער „קליינער קארו".

אוידטסהארן געפינט זיך אין דער גאר נאענטער שכיינעס מיט די זווארט־בערג אין צאפן, וועלכע פארשטעלן און באשיצן איר פון דער „גרויסער־ קארו"־וויסטעניש. די גרויסע בערג־קייטן פון דארעם באשיצן איר פון די יאם־ווינטן און האלטן אפ די פייכט־קייט, וואס די ווינטן טראגן אן. דורך אוידטסהארן גייט דורך דער כראבעלאר טייך, וואס קריגט וואסער — ווי די אנדערע טייכן אין אוידטסהארנער געגנט — פון די גרויסע ארומיקע בערג, און פאלט אריין אין אליפאנט טייך.

צוליבן מילדן, ווארימען און קארו־טרוקענעם קלימאט, און צו־ליב דער שעפע וואסער, וואס אוידטסהארן קריגט פון די בערג, האט די נאטור באשאנקען אוידטסהארן מיט קימאט אן אייביקער זאפ־טיקער גרינקייט. דער קלימאט פון אוידטסהארן ווערט פאררעכנט פאר זייער א געזונטן באזונדערס פאר לונגען־קראנקע און פאר ליידנ־דיקע פון רעוומאטיזם.

אוידטסהארן געפינט זיך אין שכיינעס מיטן „גארטן וועג" — דער שענסטער געגנט אין ד. אפריקע — און ווערט באצייכנט אלס „די ראזשינקע" פון דער „קליינער קארו". אגעוו, ניט ווייט פון אוידטסהארן (19 מייל) געפינט זיך איינע פון די גרויסע וועלט־וווּנ־דער — די קאנגא היילן.

די וואנדערלוסט און דאס לעבצן פון די פאסטאראלע הוגענאטן און האלענדער—בורן, נאך רייבע, זאטע און באלעבאטימלאזע געגנטן, ווו מען זאל קענען אפטרייסלען פון זיך די הערשאפט פון די ענגלענ־דער (וועלכע האבן געהאט אן... „אומדערטרעגלעכע" שטעלונג צו די קאלירטע און שווארצע) האט זיי געטריבן צו „טרעקן" (וואנדערן) ווייט אויף צאפן.

אין די פערציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט האט איינע פון די וואנדער־גרופעס נאך לאנגע זוכענישן זיך אפגעשטעלט אין דער פון נאטור געבענטשטער געגנט, וואס איז שפעטער באקאנט געווארן

אלס אוידטסהארן. אין אט דעם וויטן און פארוואָרפענעם ווינקל האָבן זיי געגומען אויפשטעלן געצעלטן, בויען און שאפן זייערע היימען. אין 1847־טן יאר איז אָט דער ארט פּראקלאמירט געווארן אלס שטעטל און געקראגן דעם נאמען אוידטסהארן.

בישאָס די בורן האָבן זיך באוויזן אין אוידטסהארנער געגנט און ביכלאל אין דער „קליינער קארו", האָבן זיי שוין דארט געפונען די האטנטאטן און די בושמענער (וועלכע פארשווינדן אלס ראסע). קיין באנטוס (שווארצע) זיינען דאָרט ניט געווען.

אט די צוויי געלבהויטיקע ראסן זיינען געווען נאמאדן און האבן זיך ניט באשעפטיקט מיט לאנדארבעט. אפילו מיט פיצוכט האבן זיך פארנומען נאר די האטנטאטן. ביידע ראסן האבן געלעבט הויפּטזעכלעך פון געיעג. די האטנטאטן זיינען געווען מער פרידלעכע. די זייער פרימיטיווע קליינאוויגיקע קארליקעס — די בושמענער — קינדער פון דער וויסטעניש, וועלכע האבן געקענט, מער ווי וועלכע ניט איז אנדער שייוועט בײשטיין הונגער און דארשט, האבן געלעבט אין היילן, אדער אין ביידלעך צוזאמענגעשארטע פון הויכן גראז. פונקט ווי כאיעס האבן די בושמענער געהאט א גוט אנטוויקלטן כוש פאר גערויש, שפּורן און א גוטע ריע. (א בושמען האָט דער ערשטער דערזען א דימענט.)

די בושמענער זיינען געווען זייער גוטע יעגער. זיי זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האבן קונציק באנוצט גיפט פון פלאנצונגען אויף זייערע פיילן און שפּיזן, קעדיי צו טויטן כאיעס און אפילע מענטשן. ווען די פארגיפטעטע כאיע פלעגט פאלן טויט, פלעגן זיי איר ארומרינגלען, רייסן שטיקער פלייש און רויערהייט דאָס עסן. זיי פלעגן אפט פארסאמען וואסערן, קעדיי אזוי ארום צו קריגן די כאיעס, וואס פלעגן קומען טרינקען. די בושמענער פלעגן ניט מאקפּיד זיין אויף אכילע: כאיעס, פייגלען, פארשידענע ווילדע געוויקסן, האניק פון ווילדע בינשטאקן, אייער פון שטרויסן, היישעריקן. זיי האָבן געגעסן אלץ, אפילו שלאנגען און עקדישן. ס׳איז אינטערעסאנט אז אין זייער מיטאלאגיע ווייזן ארוים די בושמענער גרוים דערעך ערעץ פאר די מיט נעוויילע זיך דערנערנדיקע שאקאלן. די בושמענער האָבן ניט

געהאַט דעם באַגריף פון באַזאָרגן זיך אויף מאָרגן. פלעגן זיי שטענ־
דיק זיין הונגעריק. זייער הויפּטציל אין לעבן איז געווען צו קריגן
אַבילע. זיי פלעגן אָפט באַפאַלן און אַוועקגאַנווענען פי און רינדער
פון אַנדערע שוואַטים, און שפּעטער — פון די בורן. די בורן פלעגן
זיי שיסן ווי ווילדע כאַיעס, וואָס באַפאַלן זייערע סטאַדעס.

מיטן באַזעצן זיך פון די בורן אין אוידטסהאָרן און געגנט איז
געקומען אַ נויטווענדיקייט צו קריגן די האָטנטאָטן און בושמענער
פאַר אַן ארבעטס־קראַפט—קנעכט. די האָטנטאָטן האָבן גיכער געקענט
זיך צופּאַסן צו דער נייער גזיירע פון אַרבעט, ווי די זאַרגלאָזע פרי־
מיטיווע בושמענער. די בושמענער פלעגן זאָגן, „אַז באַבונעס (גרוי־
סע מאַלפּעס) קענען אויך ריידן, נאָר זיי ווילן ניט, ווייל די בורן
וואָלטן זיי געצווונגען צו אַרבעטן פאַר זיי, פּונקט ווי זיי האָבן דאָס
געטאָן מיט אונדז“.

די בושמענער האָבן געהאַט אַ נייגונג צו מאָלעריי און סקולפּטור.
לעהייפּעך צו אַנדערע שוואַרצע און קאָלירטע שוואַטים האָבן זיי
קימאַט אומעטום איבערגעלאָזן געמעלן און אויסקריצונגען אויף שטיי־
נער, אַריינרעכנענדיק די באַוווסטע געמעלן אין גראַניט ביים אַריינ־
גאַנג פון קאַנגאָ הייל, וואָס האָבן אַ גרויסע און ווערטפולע באַדיי־
טונג פאַר דער קולטור־געשיכטע פון ד. אַפריקע.

אין לויף פון צייט האָבן די האָטנטאָטן און בושמענער זיך אויס־
געמישט מיט „ווייסע“ בלוט, און ס'איז אַנטשטאַנען די איציקע ראַ־
סע „קאָלירטע“, אָדער ווי מען רופט זיי „ברוינע“.

(אין אוידטסהאָרן און אין די שטעטלעך פון דער „קליינער קאַ־
רו“ דערציילט מען, אַז ווען אַ ברוינע מיידל, וועלכע פלעגט אַרבעטן
פאַר בורן, יידן אָדער ענגלענדער, פלעגט ביינאַכט געבוירן אַ קינד,
פלעגן די נייגיריקע גוטמוטיקע ווייסע מיידלעך אין הויז טייקעף
אַרויסגיין מיט אַ ליכט אַנצוקוקן צו ווע־מען פון דער ווייסער מישפּאָכע
איז דאָס קינד ענלעך...)

איצט, אַז מען רופט אַ קאָלירטן אין אוידטסהאָרן האָטנטאָט
אָדער בושמאַן, פילט ער זיך שטאַרק באַליידיקט.

צוזאַמען מיט זייער אייגנאַרטיקייט אַלס שיווועט האָבן זיי אויך

פארלוירן זייער שפּראַך, און די שפּראַך פון די בורן — אפריקאַאַנס — איז געוואָרן אויך זייער מוטערשפּראַך.

זייער אַ טראַגישן בילד שטעלן פאר די קאָלירטע אין אוידטס־האָרן און אין דער „קליינער קארו“.

ניט געקוקט דערויף, וואס זייערע אוועס האבן שוין דארט גע־לעבט מיט לאַנגע יארן צוריק (אין 1938־טן יאר האָט דארט אַ קירך פון קאָלירטע קריסטן געפייערט דעם 100 יאריקן יובילײ), פילן זיך דארט די קאָלירטע ניט היימיש. זיי פילן זיך, ווי פרעמדע אָן אַ היים, וואס אַרבעטן פאר די ווייסע. זיי לײַדן שטארק פון מינדערווערטי־קייט־געפיל, זיינען שטארק דערשלאָגן, אונטערטעניק און זיינען שטענדיק אין שרעק פאר די ווייסע. אַלס רעזולטאט פון זייערע שרעקלעך שלעכטע עקאנאמישע באדינגונגען זיינען אַ סאך פון זיי פיזיש דעגענערירט. צווישן זיי איז שטארק פארשפרייט שיכרעס, שווינדזוכט און וועגערישע קראנקייטן.

אַלס פויערים האבן די בורן גוט אפּגעשאצט די זייער פרוכטבארע ערד פון אוידטסהארנער געגנט. זיי האבן גענומען פלאנצן ווייג־טרויבן, זייען טאבאק, ווייץ, גערשטן און אַ סאך אנדערע ארטיקלען פאר זייער געברויך. שפּעטער צו האבן זיי גענומען אויך פארקויפן די דאזיקע פּראָדוקטן. אין 1865־טן יאר זיינען שוין אין אוידטס־הארנער געגנט געווען 1145 ווייסע און אין 1875־טן יאר — 1837.

אין אָט דער געגנט און אין דער „קליינער קארו“ ביבלאָל האבן זיך פריי און ווילד ארומגעשפּרייזט אַ סאך שטרויסן. דאָס זיינען גרויסע פייגלען, וואס קענען ניט פליען נאר לויפן גיך. די שטרויסן זיינען גרויסע פאכדאנים און שרעקן זיך פארן מינדעסטן גערויש. זיי זעען אויס ווי הויכע גרויסע אינדיקעס. זיי האבן אַ גרויסע קראפט אין די פיס. מיט איין בריק קען אַ שטרויס טויטן אַ מענטשן. אָט די הויכפיסיקע אומגעלומפּערטע פייגלען, וואס זייערע לאַנגע העלדזער זעען אויס ווי אַ פראגעצייכן, האבן מיט זייערע שיינע פעד־דערן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די אייראפּעער. מען פלעגט זיי שיסן ווי ווילדע כאיעס און זייערע פעדערן נוצן פאר פו־

צונג. שפּעטער צו האָט מען דערזען אין אַט די שיינע פעדערן אַ קוואַל פון פּאַרנאַסע.

מיטן אנהויבן פארהיימישן די ווילדע שטרויסן אין יאר 1867 האט זיך געעפנט אין אוידטסהארן א ראמאנטישער און מאמעש לע־גענדארער קאפּיטל פון שטרויסנצוכט און האנדל מיט שטרויספעדערן. די שיינע שטרויספעדערן מיט וועלכע מען פלעגט פוצן פרויען־היט, האבן פאשעט פארקישעפט די פרויען פון דער גאנצער וועלט און הויפּטזעכלעך פון אייראפּע און אמעריקע.

אוידטסהארן איז געווארן דער צענטער פון דער נייער אינ־דוסטרי.

האגאם שטרויספעדערן איז אן ארטיקל, וואס פלעגט זיין אפּ־העגגיק פון די קאפּריזן אין דער מאדע ביי פרויען אין יעדן סעזאן און איז דעריבער געווען אַ ספּעקולאציע־ארטיקל (ס'איז צ.ב. געווען אַ גרויסער קריזיס אין האנדל מיט שטרויספעדערן אין 1886 און האט אנגעהאלטן ביז 1896), דאך האָט דער עקספּארט פון שטרויספעדערן געשפּילט איינע פון די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע ראלן אין ד. אפריקע ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מילכאמע אין 1914.

נאך גאלד, דימענטן און וואָל זיינען ביזן סוף פון 1913 געווען שטרויספעדערן דער פערטער גרויסער עקספּארט־ארטיקל פון ד. אפּ־ריקע; אין האנדל מיט שטרויספעדערן און אין דער אנטוויקלונג פון דער שטרויספעדערן־אינדוסטרי האָבן געשפּילט אַ דאמינירנדיקע ראָל ליטוויש־רוסישע יידן.

יידן זיינען ניט געווען די פּיאנערן פון דער שטרויספעדערן־אינדוסטרי; זיי זיינען אבער געווען זייער אַ וויכטיקער פאקטאר ביים ברענגען אט די אינדוסטרי צו יענער הויכער מאדרייגע, וואס זי האט דערגרייכט אין בליציייט, ווי זייער אַ וויכטיקע אינדוסטרי אין ד. אפריקע. פון 1903 ביזן 1913־טן יאר האָט מען עקספּארטירט שטרויספעדערן אין ווערט פון £19,305,256. בלויז אין 1913־טן יאר (גרעסטער עקספּארט יאר) האט מען אַרויסגעשיקט פעדערן אין ווערט פון £2,953,587. צווישן 1904 און 1911־טן יאר האט זיך די צאל שטרויסן מער ווי פארדאפּלט. אין 1911 האבן פארמערס גע־

האט 746,736 שטרויסן. פאר די יארן 1912-13-14 איז קיין סטאַ־טיסטיק ניטאָ.

אוידטסהארן איז איינע פון די גאר עלטסטע אישוווים פון די ליטוויש־רוסישע יידן. אין 1938 האט אַ ראבינער געפייערט זיין 50 יאריקן זיין ראבינער אין אוידטסהארן. דאָס ווייזט אַז שוין אין די אכציקער יאָרן פון פאריקן יארהונדערט האבן שוין די ערשטע ליטוויש־יידישע אימיגראנטן זיך געגומען דארט באזעצן. יידן האבן זיך באַ־זעצט אין און ארום אוידטסהארן נאָך איידער יאהאנעסבורג איז אנטשטאנען.

גוואלדיק ענערגיש און אמביציעז רייך צו ווערן זיינען געווען די ערשטע רוסיש־ליטווישע יידישע אימיגראנטן. ניט געקוקט אויף דעם אומבאקאנטן שווערן און זייער ווייטן וועג פון די ליטווישע שטעטלעך ביז קייפטאון האבן די יידישע אימיגראנטן, ניט קענענדיק די שפּראך, גענומען ווידער דעם וואנדערשטעקן און זיך געלאזט צום פּאַרוואַרפענעם ווינקל אוידטסהארן — הונדערטער מיילן איבער זיי־ער אַ היימן, מוראדיק אומעטיקן פון זונפארברענטן וועג.

ביז 1902 איז קיין דירעקטע באנפארבינדונג מיט אוידטסהארן ניט געווען. פלעגט מען פארן מיט דער שיף ביז מאָסל־בעי און פון דארט מיט פערד אָדער אָקסן־וואָגנס 57 מייל איבער בערג, אדער מיט דער באן ביז „פרינץ אלבערט ראויד" און פון דאָרט 70 מייל איבער די זווארט־בערג קיין אוידטסהארן.

ניט דער געזונטער קלימאַט, ניט די שיינע אומגעגנט פון אוידטסהארן און ניט די דערבייאיקע „קאַנגאָ היילן" האָבן געצויגן די יידן קיין אוידטסהארן. אַזעלכע „נארישקייטן" האבן זיי דאן ניט אינטערעסירט. ווי אַ מאגנעט האָט זיי געצויגן קיין אוידטסהארן דער צויבער רייך צו ווערן דורך האַנדל מיט שטרויספעדערן.

קימאַט אלע פון די ערשטע יידן אין און ארום אוידטסהארן זיי־נען געווען טאָבערס („שמויזערס" פעדלערס — קאראבעלניקעס). נאָך אַ קורצער צייט זיין אין קייפטאון פלעגט מען זיך איינקויפן סביירע: הויזן, העמדער, בלוזקעס, זאקן, קעמעלעך, שפיגעלעך, זיי־גערס און ד.גל. מיטן פאק אויף די פלייצעס און מיט פעקלעך אונטער

די אָרעמס פלעגט מען זיך אוועקלאָזן אין דער פּראָווינץ פּארקויפן עס. די ניט אקלימאטיזירטע יידן פלעגן זיך ארומשלעפּן מיט די פּעק אויף די פּלייצעס אין גרויסע היצן איבער אומבאַקאַנטע איינזאַמע וועגן, איבער בערג און טאָלן פון איין פארמער צו אַ צווייטן אָנבאָטן זייערע סכוירעס. אָט די ארבעט איז געווען זייער אַ שווערע; און צו פארווירקלעכן דעם ציל פון „שמויזער" — אויספארקויפן די גאַנצע סכוירע — פלעגט אפט דויערן לאַנגע כאָדאשים. דער וועג פון איין פארמער ביז אַ צווייטן פלעגט דויערן שאָען. אָפט פלעגן „שמויזערס" בלייבן שלאָפן אויפן פעלד אין שרעק פאר שלאַנגען, און כאַיעס, דערדריקט פון גרויסער איינזאמקייט, און אָפט ווערן דורכגענעצט פון די האַלבטראָפּישע רעגנס. אייניקע „שמויזערס" פלעגן האָבן „פּאַק־פערד" — דאָס פערד פלעגט שלעפּן די פּעק און דער „שמויזער" פלעגט נאָכגיין. די „ארויפגעארבעטע" האָבן שוין געהאַט פורלעך.

די בורישע פארמערס פלעגן אויפנעמען די ערשטע שמויזערס מיט אָפענע ארעמס. זיי פלעגן זיך פילן גליקלעך צו טרעפן זיך מיט זיי, שמועסן און קויפן נוצלעכע זאכן פון „די קינדער פון דעם פאָלק, וואָס האָט זיי געגעבן די ביבל". די פארמערס פלעגן ביי זיי קויפן און פארלאָזן זיך אויף זייער וואָרט.

אין אוידטסהאָרן לעבט נאָך דער 85 יאָריקער נ.א. בערנשטיין. ער איז דער דריטער ייד פון די יידישע פּיאָנערן אין אוידטסהאָרן. ער דערציילט: „איך בין אנגעקומען אין קייפּטאַון אין יאָר 1879. אריינגעפאָרן בין איך אין רייפלס „באָרדינג־הויז". דאָרט איז געווען דער אריינפאָר פאַר גרינע. אין אכסאַניע זיינען אַלע געווען יידיש־ריידנדיקע רוסישע יידן.[1]

1) עס איז וויכטיק צו באַמערקן, וואָס כוץ בערנשטיינען באַשטעטיקן אויך אַנדערע, אַז אין יאָר 1879 איז שוין געווען אַ היפּשע צאָל יידיש־ריידנדיקע. דעריבער איז לויט הערמאַנס באַהויפּטונג אין בוך „אַ היסטאָריע פון יידן אין ד. אפריקע", אַז ביזן 1880־טן יאָר זיינען געווען נאָר 6 יידיש־ריידנדיקע, ניט קיין ריכטיקע. אַזוי, אַז מיין באַמערקונג וועגן דעם אין בוך „יידן אין ד. אפריקע" איז אויך ניט קיין ריכטיקע.

אין 1880־טן יאָר זיינען זיכער געווען אַ פּאָר צענדליק יידיש־ריידנדיקע יידן.

נאכן אפזיין אַ קורצע צייט אין קייפּטאון, בין איך ארויס שמויזן. די בורישע פּארמערס האָבן מיך אויפגענומען זייער פריינדלעך. ווי שטארק פארוואונדערט בין איך געווארן ווען אייניקע פארמערס פלעגן מיר זאגן „לאמיר זיין גוטע פריינד. אייך יידן האב איך ליב. נאר סכיירע קויפן ביי אייך וועל איך ניט“. אַ סאך פארמערס פלעגן מיר וויזן ווערטלאזע קופערנע זייגערלעך, פאַר וועלכע זיי האבן באצאָלט פונקט ווי פאַר גוטע גאלדענע זייגערס. אנדערע פלעגט מען פארקויפן מעשענע ארטיקלען פאר זילבערנע, א.א.וו. אזוי ארומגייענדיק פארקויפן מיינע סכיירע האב איך זיך דערנענטערט צו אוידטסהארן. צופעליק האָט מיר עמיצער פארקויפט אַן ערעך אַ פונט שטרויספעדערן. איך האב באצאלט דערפאר 25 פונט. איך בין געווען דערנאך שטארק איבערראשט, ווען איינער פון דייפלס „באַרדערס“ — אַן אויפקויפער פון שטרויספעדערן — האט מיר דערפאר באצאָלט 70 פונט. דער צופאל איז מיר אריין אין נאָז. איך האָב באשלאָסן אויספארקויפן מיין סכיירע און פארן קיין אוידטסהארן. אהער בין איך אָנגעקומען אין יאר 1880. געווען זיינען דא נאר צוויי יידן: אָשער און פילד (אַ קורלענדער). זיי האָבן געהאַט שוטפעס אַ גרויסן געשעפט.“

חיים פרידלענדער אַ צוויטער יידישער פיאנער (86 יאר אלט), וועלכער איז באקאנט ביי די בורן אלס הענדריק, דערציילט: „איך בין אַ שאוולער איידים. מיינע שוואָגערס וועלכע זיינען געווען אין אפריקע, האָבן מיך אהער אראפּגעבראכט. איך בין אנגעקומען קיין קייפּטאון אין 1884־טן יאר. דארט האָב איך שוין געפונען אַ היפּשע צאל רוסישע יידן. מיינע שוואגערס האָבן מיך באזארגט מיט סכיירע, מיט אַ שמויזער־פּאטענט, און איך האב זיך ארויסגעלאזן אויף דער פּראווינץ שמויזן. מיין פּאַק מיט סכיירע אויף די פּלייצעס האט געוויגן איבער 80 פונט, אַ כוץ דעם קעסטל מיט די יובעליר ארטיקלען, וואָס איך האב געהאלטן אין האַנט. שפּעטער צו האב איך געקויפט אַ „פּאק־פּערד“. דאָס פּערד האָט געטראָגן מיין סכיירע און איך מיטן יובעליר פּעקל אין האנט בין נאכגעגאנגען. שרעקלעך שווער — זעצט פאר חיים פרידלענדער — איז געווען דאַן דאָס לעבן פון אַ

שמויזער. נאָכן שלעפּן זיך אַ לאַנגע צייט פלעגט מען אָנקומען צו אַ פאָרם. אָפט פלעגט דער פאַרמער ניט אַריינלאָזן, ווייל די פריערדיקע שמויזערס האָבן אים אָפּגענאַרט. 6 כאָדאָשים צייט איז מיר אויסגעקומען צו שלאָפן אין פעלד אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ ווייל גראד דאַן (1884) האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון פּאָקן. די בורן פלעגן אַרויסגיין קויפן, פלעגן מיר געבן עסן, אָבער אין די הייזער פלעגן זיי מיר ניט אַריינלאָזן צוליב דער עפּידעמיע. איין מאָל איז מיר אויסגעקומען אַרומצוגיין דריי טעג און דריי נעכט אָן וואַסער פאַר זיך און פאַרן פערד. מיין פערד האָט געהאַלטן ביים פאַלן. צום גליק איז עמיץ אַנגעפאָרן און דערקוויקט מיך און מיין פערד מיט אַ ביסל וואַסער. איינמאָל בין איך אָנגעקומען צו אַ פאַרם אַזוי פאַרמאַטערט אַז איך בין געפאַלן שלאָפן אונטער אַ שייער און אָפּגעשלאָפן אין איין אָטעם 28 שאָ. דער פריינדלעכער בור האָט שוין געוואָלט שיקן נאָך פּאָליציי, מיינענדיק, אַז איך בין שוין טויט. אָפטמאָל פלעגן מיך בורן פרעגן: „בינסט אַ ייד? און נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אוידטסהאָרן?“ אין 1886 האָב איך זיך מיט מיינע סביירע אויפן פּאַק־פערד דערשלעפּט צו אוידטסהאָרן. לויט דער אייצע פון מיינע שאַוולער לאַנדסלייט אין אוידטסהאָרן האָב איך פאַרקויפט מיין פערד און סביירע, און גענומען האַנדלען מיט שטרויספעדערן.“

דריי יידן זיינען געווען אין 1880־טן יאָר אין אוידטסהאָרן. אישער און פילר האָבן געהאַט אַ גרויסן געשעפט; דער דריטער — בערנשטיין (אַ געוועזענער שמויזער) איז געווען דער ערשטער ייד אין אוידטסהאָרן, וועלכער האָט גענומען האַנדלען מיט פעדערן.

אין 1884 איז שוין צו יאָמים נויראָים געווען אַ מיניען יידן אין אַ פּריוואַטן הויז.

קיין רעגירונגס־סטאַטיסטיק פון יידן אין אוידטסהאָרן און אומגעגנט איז ביזן 1891'טן יאָר ביכלאַל ניט פאַראַן. ביז דאַן זיינען יידן געווען פאַררעכנט אין דער רובריק „ניט קריסטן“ (מאַכמעדאַנער, יידן אאַ.וו.) לויט דער סטאַטיסטיק פון 1891 זיינען אין אוידטסהאָרן און אומגעגנט געווען 291 יידן. אין 1904 זיינען אין אוידטסהאָרן

געווען 623 און אין דער אומגעגנט — 174. אין יענעם יאר האט אוידטסהארן געציילט א באפעלקערונג פון 8849 נעפאשעס; אין דעם 4145 אייראפעער און 4704 ניט אייראפעער. ד.ה. אז יידן האבן דאן באטראפן 15% פון דער אלגעמיינער אייראפעישער באפעלקערונג אין שטעטל. אין 1918־טן יאר זיינען דארט געווען 1073 יידן. אין 1921־טן יאר זיינען געווען אין אוידטסהארן און אומגעגנט 1022 יידן. אין 1926 — 808 און אין אומגעגנט — 103 יידן. אין 1936 זיינען געווען 555 יידן אין אוידטסהארן, און אין אומגעגנט — 38. (אן ערעך 3½ פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג און 7 פראצענט פון דער ווייסער באפעלקערונג פון אוידטסהארן). פון די 555 יידישע נעפאשעס האבן נאר 93 אנגעגעבן יידיש פאר זייער היים־שפראך. (10 אונטער 7 יאריקע, 26 פון 7 ביז 20, און 57 איבער 20 יאריקע. אגעוו איז עס דאס ערשטע מאל, ווען דער פונקט שפראך איז אריינגענומען געווארן אין אנקעטע־בויגן.)

ביכלאל גענומען גיבן אט די סטאטיסטישע ציפערן א בלאסן בילד פון די יידן אין אוידטסהארן. ערשטנס גיט ניט די סטאטיסטיק די צאל יידן פאר די יארן 1911 ביז 1916, האגאם דאן זיינען פארגעקומען אין לאנד פאלקסציילונגען. צווייטנס פעלט די סטאטיסטיק פון יידן פון 1904 ביז 1918 — אין דעם די בליצייט פון שטרויספעדערן־האנדל, ווען די צאל יידן אין אוידטסהארן איז זייער געשטיגן. דריטנס זאגן די אוידטסהארענער טוישווים, אז די סטאטיסטיק פון 1891 און 1904 איז ניט קיין פאלקאמע, ווייל א היפשע צאל יידן האט ניט אנטיילגענומען אין דער פאלקסציילונג צוליב דעם, וואס זיי האבן ניט געקענט שרייבן ניט ענגליש און ניט אפריקאאנס. מען קען אבער אננעמען די ציפערן, וואס עס גיבן אן די ארטיקע געזעלשאפטלעכע טוער, וועלכע האבן געקענט יערע יידישע מישפאכע און יעדן יידישן פיאנער אין אוידטסהארן. קיין ווערטיקע סטאטיסטישע דאקומענטן פון דער קעהילע זיינען ניטא.

פון 1880־טן יאר, ווען דער האנדל מיט שטרויספעדערן האט זיך גענומען מער אנטוויקלען און די פרייזן פאר שטרויסן און

שטרויספעדערן האבן גענומען שטייגן, האבן זיך באוויזן וואס אמאל מער יידן. אוידטסהאָרנער יידן האבן צוערשט געווירקט, אז זייערע פריינד און לאַנדסלייט פון קייפּטאון און אומגעגנט זאָלן אריבערקו־מען קיין אוידטסהארן. שפּעטער האט מען גענומען אריבערברענגען ברידער, זין, מישפּאכעס און לאַנדסלייט פון אייווער־לעיאַס. שוין אין יאר 1883 זיינען אין אוידטסהאָרן און אומגעגנט געווען איבער אַ מיניען יידן. נאר צוליב דעם, וואס אייניקע פון זיי זיינען געפאָרן אויף די יאַנטייווים קיין קייפּטאון, איז ניט געווען גענוג צו אַ מינ־יען. ווען אין 1883־טן יאר האָט זיך געשאפן די דאָרטיקע כעווּרע־קאדישע, האָט אַ בור מענאַדעוו געווען אַ שטיק ערד פאר אַ בייס־עילאָם.

דער ערשטער מיניען אין אוידטסהאָרן איז פאָרגעקומען אין אַ פּריוואַטער הויז אין 1884־טן יאר. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען 30 יידן. אַזוי גיט אָן ראַבינער א.פּ. אָרנשטיין אין „אוידטסהאָרן קוראַנט" פון 1־טן פעברואר 1888. צוליב אַ מאַכלוֹיקע אין יאר 1886 האָט זיך די קעהילע געשפּאַלטן אויף צוויי צדאָדים און עס זיינען פאָרגעקומען צוויי מיניאַנים. (מיט איין מיניען האָט אָנגעפירט חיים קופּער און מיטן צווייטן — לעוויטאַן). אָן אָרגאַניזירט רעליגיעז לעבן אין אוידטסהאָרן הויבט זיך אָן מיטן בויען די שול אין 1886, ווען עס האָט זיך פאַרמירט אַ קעהילע. אין דעצעמבער 1886 האָבן די יידן פון אוידטסהאָרן און אומגעגנט גערופן אַ פאַרזאַמלונג וועגן בויען אַ שול. מ'האָט באַשטימט גלייך צו שאַפן אַ פאָנד אויפצובויען אַ שול. דער סעקרעטאַר און קאַסיר פון דעם פאָנד איז געווען ניט קיין ייד (טשאַרלס ב. בלעק). אַ סאַך ניט יידן האָבן זיך באַשטייערט פאַר דעם פאָנד. ביי אַ פייערלעכער צערעמאָניע, איז דעם 26־טן יאַנואַר 1888־טן יאר געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער „קווין־סטריט שול". צו דער צערעמאָניע זיינען ספּעציעל געקומען די ראַבינערס אָרנשטיין פון קייפּטאון און הערים פון קימבערלי. עס איז זיך צוזאַמענגעקומען אַן עילאָם פון אַ פיר־פינף הונדערט מענטשן. עס האָבן אָנטיילגענומען דער אָרגאַניסט פון דער בורישער קירך (יאַקאָב הוק) און נאָך עטלעכע ניט־יידן ביים זינגען קאַפּיטלעך

טילים. אין אַ לענגערער רעדע האָט ראַבינער אָרנשטיין („אוידטס־האָרן קוראַנט" פון ערשטן פעברואַר 1888) געגעבן אַן איבערבליק איבער די יידן פון ד. אַפריקע און האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „אין יאָר 1842 זיינען געווען בערערך 15 אָדער 20 יידישע מישפּאָכעס אין גאַנצן לאַנד. איצט זיינען יידישע קעהילעס פאַראַן אין אַלע וויכ־טיקע צענטערס. איצט געפינען זיך שוין אין אוידטסהאָרן און אומ־געגנט אַ צוויי הונדערט אָדער דריי הונדערט יידישע נעפאַשעס."
דערנאָך האט ער און אויך ראַבינער הערים גערעדט וועגן די זייער גוטע באַציונגען צווישן יידן און ניט־יידן אין אוידטסהאָרן.

דעם 31־טן יולי 1888 איז קיין אוידטסהאָרן אָנגעקומען דער ראַבינער מ. וואָלפּסאָן, אַ רוסישער ייד, וועלכער איז געווען עטלעכע יאָר אין ענגלאַנד צווישן קלעריקאַלן. קענטיק, אַז צוליב זיין גוטער שטימע צום דאַוונען, און צוליב דעם וואָס ער האָט געקענט די שול מאַנירן, — האָט מען אים געשיקט פון ענגלאַנד אַלס ראַבינער קיין אוידטסהאָרן. ענדע יולי 1938 האָט שוין ראַבינער וואָלפּסאָן געפייערט זיין 50 יאָריקן זיין ראַבינער אין אוידטסהאָרן. „ווען איך בין אָנגעקומען אין אוידטסהאָרן — דערציילט ער — האָט מען נאָך גע־בויט די שול. אַז מען האט פאַרענדיקט בויען די שול, איז די דערעפ־נונגס־צערעמאָניע פאַרגעקומען דעם 12־טן דעצעמבער 1888. עס זיי־נען דאַן געווען אין אוידטסהאָרן און אומגעגנט 250 יידישע נעפאַ־שעס. אויפן בּיים עילאָם זיינען שוין געווען דריי קוואָרים (אַן מאַציי־וועס). די ערשטע כאַסענע, ווען ער האָט געגעבן כופּע און קעדושן, איז פאַרגעקומען דעם 20־טן פעברואַר 1889. (אַגעוו האָט ער ביז סעפּטעמבער 1938 מעסאַדער קעדושן געווען 212 פּאָרן).

„בישאַס איך בין דאַ אָנגעקומען", — גיט צו ראַבינער וואָלפּ־סאָן, — „האָבן יידן זייער גוט פאַרדינט. יענעם יאָר איז געווען אַ שרעקלעכע טריקעניש, וואָס האָט ניט געהאַט איר גלייכן פאַר די לעצטע 60 יאָר. מען פלעגט פאַרקויפן וואַסער 1/6 אַן עמער."

דער ראַבינער פון „קווין־סטריט שול" איז געווען צופיל ענגליש ציר־ליך מאַנירלעך. ער האָט איינגעפירט אַ שטרענגע דיסציפּלין און די ענגלישע מאַנירן. ער האָט קאָפּירט די ענגליזירטע סינאַגאָגעס

אין לאנדאן. אנשטאט צו זיין ארטאדאקסייש רעליגיעז — האט ער זיך אפגעגעבן מער מיט אויסערלעכן ריטואל. דאס אלץ האט ארויס־גערופן א קעגנערשאפט מיצאד דער ליטונג פון דער שול. די קעגנער־זיינען געווען די מער פּאשעטע רעליגיעזע אמכא־יידן, וועלכע האבן זיך געוואלט פילן אין שול אזוי היימיש, ווי אין זייערע באטיי־מעדראשים אין דער אלטער היים. אין 1892 איז די קעגנערשאפט געווארן גאר שארף. איז מען צוגעטראטן צו שאפן מיטלען אויפצו־בויען זיך א באזונדערע שול. אין 1896־טן יאר האט מען זי געבויט. די „קווין־סטריט שול" האט מען א נאמען געגעבן „די ענגלישע שול". אזוי הייסט זי אד־האיעם. די יידן פון דער „ענגלישער שול" רופן זיי־ער קעגנערישע שול „די גרינע שול" (זי איז אויך באקאנט אלס „סענט־דזשאן־סטריט שול".) די „ענגלענדער" פון דער „ענגלישער שול" זיינען געווען דאס ראוו שאוולער יידן — מייסטנס די ערשטע און די רייכסטע יידן. דאקעגן אין דער „גרינער" שול זיינען געווען קימאט אלע קעלמער יידן. צווישן אט די צוויי „ריכטונגען" פלעגן שטענדיק פארקומען קעהילע רייבונגען. פאר דער אויסערלעכער וועלט האבן די „ענגלענדער" זיך געהאלטן העכער. אבער אין יידישן לעבן פון אוידטסהארן האבן די „גרינע" זיך געהאלטן פאר יאכסאנים. זיי האבן געקוקט אויף די „ענגליישע" ווי אויף אמעראצים. אין דער „ענגליישער שול" פלעגט מען דאוונען נאר שאבעס און יאנטעוו. אין דער „גרינער" שול פלעגן דאוונען עטלעכע מיניאנים א טאג. ביז צום היינטיקן טאג זאגט מען אין דער „גרינער" שול „די בלאט". דארט איז אויך געווען א כעוורע טילים זאגער. די „גרינע" שול האט זיך געהאט איר אייגענעם שייכעט, און אין 1903 האט זי שוין אויך געהאט איר אייגענעם ראוו — ניט קיין ראבינער, נאר א שטרענג ארטאדאקסייש ראוו, „רעב באראך דער קעלמער".

ביזן יאר 1903 פלעגט מען די קינדער לערנען „יידיישקייט" ביי ראבייאים. אין 1903 איז אין אוידטסהארן געגרינדעט געווארן א העברעאיישע רעגירונגס־שול ביי דער „ענגליישער" שול אין א באזונ־דערן ביניען. א כויץ די אלגעמיינע לימודים פון א רעגירונגס־שול, האבן פארנומען רעליגיע און העברעיש א "וויכטיקן ארט. דאס איז

די ערשטע ישול פון דעם מין אין ד. אפריקע. זי עקזיסטירט נאך היינט אויך. די שול האט ניט צופרידנגעשטעלט די ארטאדאקסן, באזונדערס די „גרינע", האט מען געגרינדעט א טאלמוד־טוירע אויפן היימישן שטייגער. די טאלמוד־טוירע האט עקזיסטירט ביזן יאר 1920.

עס איז מערקווירדיק, וואס מיט אויסנאמען שטאמען אלע אוידטס־הארנער יידן פון צוויי שטעטלעך אין דער ליטע: קעלם און שאוול. זיי האבן עס אראפגעבראכט אנדערע פון זייערע מישפאכעס, פריינד און לאנדסלייט.

ביז דער ענגליש־בורישער קריג האבן די יידן אין אוידטסהארן געפירט א קליינשטעטלשן רעליגיעזן ארט לעבן, ווייט און אפגעזונדערט פון דער דרויסנדיקער וועלט און אפילע פון די צוויי יידישע צענטערן קייפטאון און יאהאנעסבורג. זיי האבן געלעבט, אזוי צו זאגן, אין די דאלעד אמעס פונ'ם „קליינעם קארו", ווו אוידטסהארן איז געווען ווי א הויפט־„קראאל" (אזוי הייסט א באנטו דארף) און די דערבייאיקע קליינע שטעטלעך פון „קליינעם קארו", ווי קלענערע „קראאלס".

ווען ס'האט אין 1899־טן יאר אויסגעבראכן די דריי יאריקע קריג, האט עס אויפגעטרייסלט אוידטסהארן. עס זיינען אנגעקומען א סאך יידישע פאמיליעס אנטלאפענע פון טראנסוואל און באזונדערס פון יאהאנעסבורג. די אוידטסהארנער יידן זיינען געווען אומצופרידן מיט די אנגעקומענע, ווייל זיי האבן אריינגעבראכט שטאטישע ווינטן און אפיקארסעס.

(דער פאלגנדיקער אינצידענט פון דער קריגצייט ווייזט אויף ווי ווייט די בורן האבן באטראכט די יידן אלס שטארק רעליגיעזע סעקטע: דער היסטאריש בארימט געווארענער קאמענדאנט פון דער בורישער ארמיי, סקיפערס האט זיך אריינגעכאפט אין אוידטסהארנער געגנט מיט א טייל פון זיינע זעלנער און האט געפאנגען א גרופע סקאוטן. צווישן די סקאוטן איז געווען א דרייסיק יאריקער קעלמער ייד א.י. זיוו. בישאס מען האט געגעבן די געפאנגענע סקאוטן עסן, האט דער קאמענדאנט סקיפערס צוגעטראגן דעם יידן א שטיק כאזער

און אויסגעשריען: „ייד, עס כאזער, א ניט שים איך דיך“, און גע־נומען צילן זיין ביקס אין דעם יידן. זיוו האט געענטפערט: „שים. איך וועל קיין כאזער ניט עסן“. דערהערט די ווערטער האט סקיפּערס אָוועקגעלייגט דעם ביקס און געזאגט: „ווען דו וואלסט יא געגעסן, וואלט איך דיר ביז צום טויט פארשמיסן“.)

נאך דער ענגליש־בורישער קריג זיינען די טראנסוואלער יידן צוריק געפארן; און די אוידטסהארנער יידן האבן פארגעזעצט זייער אייגנארטיקן ארט לעבן. זיי האבן גענומען אראפּברענגען זייערע מישפּאכעס, און דאס לעבן האט אנגענומען מער נארמאלע פארמען.

פון 1908 הייבט זיך אן די בליצייט — דער גרעסטער אויפ־שטייג פון האנדל מיט שטרויספעדערן. די יידישע באפעלקערונג איז קעסיידער געוואקסן. אין יאר 1909 זיינען שוין געווען אן ערעך 1100 נעפאשעס און אין 1911־טן יאר — 1270 נעפאשעס אין אוידטסהארן אליין, כוץ דער אומגעגנט. אין די יארן 1912, 1913 פאר דער וועלט־מילכאמע זיינען געווען איבער 1500, נישט אריינרעכענענדיק די אומ־געגנט, ווו עס האבן געלעבט א סאך יידן. אין די יארן זיינען צו יאמים נאראים סיי די „ענגלישע“, סיי די „גרינע“ שול געווען איבער־פולט. מען פלעגט דארפן צושטעלן בענק מיט שטולן פאר די דאווע־נער. דער ראבינער גיט אן, אז איןביידע שולן זיינען געווען איבער טויזנט מיספּאלעלים. דאס באשטעטיקן אלע טיישווים אין אוידטסהארן.

# יידן און... שטרויסן.

די ליטוויש־רוסישע יידן אין אוידטסהארן (דארט זיינען געווען נאר עטלעכע דייטשע יידן און בלויז איין ענגלישער ייד.) האבן זיך מיט זייער גאנצער ענערגיע, ברען און בעריעשאפט ארייגעווארפן אין דעם שטרויספעדערן האנדל. און א היפשע צאל יידן האט זיך ארייגעלאזט אין שטרויסנצוכט און שטרויסנפארמעריי. מען האט „געבריט" און געהאדעוועט שטרויסן. צום האדעווען שטרויסן דארף מען ניט נאר האבן ארט פאר די שטרויסן ארומצולויפן, ווו צו „קנייפן" די פעדערן, ארט ווו זיי זאלן בריען, נאר מען דארף אויך האבן א סאך גוטן באדן, ווו צו זייען פאשע פאר די שטרויסן. דער איקער קארמעט מען זיי מיט לוסערן (קלעווער). וואס בעסער מען פלעגט די שטרויסן, אלץ בעסערע און ווערטפולערע זיינען זייערע פעדערן. (מען פלעגט שוין דאן אויך זייען אין דעם געגנט ווייץ און אנדערע גוט באצאלבארע טוועס און טאבאק.) אבער דער האנדל מיט שטרויספעדערן האט פארכישעפט די יידן. מען האט זיך ארייג־געווארפן אין אט דעם האנדל מיט לייב און לעבן, סיי טאג און סיי נאכט. יידן זיינען לייכט „אריין אין פעדערן" האנדל. די ניט־יידן פלעגן זאגן: „די יידן האבן זיך אזוי נאטירלעך גענומען צו די שטרויספעדערן, ווי ענטלעך צו וואסער". שפעטער צו פלעגן זיי זאגן: „יידן דינען א נייעם גאט — דעם שטרויס".

רײדן בוריש איז געווען אומבאדינגט נויטיג, ווייל די שטרויסנ־פארמערס און די ברוינע, אן וועלכע מען האט זיך ניט געקענט באַ־גיין, האבן גערעדט בוריש. די „שמויזערס" האבן שוין געקענט א ביסל רײדן בוריש. די ניי אריבערגעקומענע האבן זיך שנעל אויסגעלערנט רײדן דאס נויטיקסטע.

די פראצעדור צו ווערן א שטרויספעדערן קויפער איז געווען א לייכטע. מען פלעגט ארויסנעמען א פאטענט (לייסנס). ווער עס האט

ניט געהאט קיין אייגענע, פלעגט לייען ביי לאנדסלייט עטלעכע פונט — און מיט א זאק אויף די פלייצעס פלעגט מען זיך ארויסלאזן צו־פוס צו די פארמערס קויפן פעדערן. זייער וויניק „שמויזערס" פלעגן האבן געגנוג „קאפיטאל" אנצופילן א זאק פעדערן פון בעסערן סארט. די ארימערע און ניי אריבערגעקומענע — „די גרינע" — פלעגן קויפן נאר די ביליגע סארטן. דערויף האט מען קיין סאך געלט און מעווינעס ניט באדאפט. אט די פעדערן פלעגט מען רופן די „געשנארטע פעדערן". דאס זיינען די קליינע פעדערן וואס פאלן ארויס, ווען די שטרויסן לויפן אדער ווען זיי „קריגן" זיך. אט רעם אפפאל פלעגן די פארמערס שענקען זייערע פרויען און קינדער אלס מאטאנע אויף טאשן־געלט.

ארומגייענדיק אויפקויפן די „געשנארטע פעדערן", פלעגן די „גרינע" זיך באקענען מיט די פארמערס, מיטן שטרויספעדערן האנדל, קריגן דערפארונג און מעווינעס. ניט איינמאל פלעגן זיי צאלן רעכע געלט; קויפן שלעכטע פעדערן, אדער קויפן פעדערן פון א זי, מיי־נענדיק, אז דאס איז פון אן ער, וועמעס פעדערן זיינען בעסערע און טייערער.

עס האט לאנג ניט געדויערט און די יידן האבן זיך אויסגעלערנט אונטערשיידן פון די זעכציק פארשיידענע סארטן די בעסערע פעדערן. דאן האבן שוין די פארמערס ניט געקענט אזוי לייכט אפנארן די יידישע „שמויזערס". פאר א פונט גוטע פעדערן פלעגט מען קריגן אכציק פונט שטערלינג.

יעדן מאנטאג פרי פלעגן דאס ראוו פעדערנהענדלער, אזוי צו זאגן, עוואקואירן אוידטסהארן. נאך איידער די זון פלעגט ארויסקו־מען, פלעגן זיי יעדן מאנטאג באגינען, ווי אין זייערע אלטע היימען, ווינטער ערעוו א יאריד, זיך איילן און ארויסלאזן זיך צו פוס צו קויפן שטרויספעדערן. מען פלעגט זיך אוועקלאזן אין פארשיידענע ריכטונגען צו די שטרויסנפארמערס. שפעטער צו פלעגן די טאקיפערע פארן מיט א פערד און וועגל („קאריקעס").

דער דראנג צו מאכן עטלעכע פונט איז געווען אזוי גרויס, אז ווי פרי א ייד פלעגט פארלאזן אוידטסהארן, פלעגט ער שוין ביים

ערשטן פֿארמער געפֿינען איינעם אָדער עטלעכע יידן, וועלכע זיינען שוין אנגעקומען נאך פריער. יעדערער האָט געוואָלט אָפּקויפֿן דעם „פעקל". פֿלעגט מען זיך שטייגן. אפֿטמאָל פֿלעגט מען זיך אַזוי שטייגן, אַז דערנאך ביים פֿאַרקויפֿן פֿלעגט מען האָבן העזיק. מען האָט זיך אַזוי קאָנקורירט ביז זיי זיינען געקומען צו א מונדלעכער פֿאַרשטענדיקונג. אויב נאר מען פֿלעגט שוין טרעפֿן ביים פֿארמער אַ קויפֿער, פֿלעגט מען מאַכן אַ „יאַכצו". איינער פֿלעגט אָפּקויפֿן און דערנאך זיך טיילן אדער מיט די פֿעדערן אדער מיטן רעוואַך. אז מען פֿלעגט טרעפֿן אַ סאך קויפֿערס, פֿלעגט מען אויסשרייען: „אַ כאַסענע", דאָס פֿלעגט באַטייטן, אַז איינער זאָל אָפּקויפֿן און דעם רעוואַך פֿלעגט מען זיך טיילן.

די אויפֿקויפֿערס האָבן געוווּסט יעדן פֿארמער אין דער געגנט וואָס פֿאַרא סאָרטן פֿעדערן ער האָט, ווי ער פֿאַסט אויף זיינע שטרויסן, אין וואָס פֿאַרא צושטאַנד זיי זיינען, ווי און ווען יעדער פֿאַרמער „קנייפּט" (פֿליקט) זיינע שטרויסן. צו „קנייפּן" די פֿעדערן פֿון שטרויסן, דאַרף מען די שטרויסן פֿאַרטרייבן אין אַ קלעם, אנטאָן אַ זאַק אויפֿן קאָפּ; ערשט דאַן קען מען טאָן מען מיט די שטרויסן וואָס מען וויל.

אמאָל פֿלעגט מען פֿליקן די פֿעדערן. דאָס פֿלעגט פֿאַרשאַפֿן גרויס יעסורים די שטרויסן. זיי פֿלעגן פֿאַרלירן אַ סאך בלוט. דאָס פֿלעגט זיי אָפּשוואַכן און קאַליע מאַכן די וואָרצלען פֿאַרן קומענדיקן פֿעדערנוווּקס. האָט מען שפּעטער אָנגעהויבן „אָפּקנייפּן" די פֿעדערן און לאָזן די וואָרצלען. אין אַ ביידעש אַרום זיינען שוין די וואָרצלען געווען אָפּגעטויט, מען פֿלעגט די וואָרצלען לייכט אַרויסציען, ניט פֿאַרשאַפֿנדיק די שטרויסן קיין יעסורים, אדער די וואָרצלען פֿלעגן אַליין אַרויספֿאַלן. אין אַכט כאַדאָשים אַרום פֿלעגן שוין זיין פֿאַרטיק צום קנייפּן נייע פֿעדערן. אַזוי אַרום פֿלעגט יעדער פֿאַרמער האָבן יעדע ניין כאַדאָשים אַ נייע פֿעדערן־געֶרעטעניש.

קעדיי צו פֿאַרמיידן די קאָנקורענץ פֿלעגן רייכע פֿעדערן הענדלער אָפֿט אָפּקויפֿן ביי די פֿאַרמערס זייערע פֿעדערן מיט אַ צייט פֿריער נאָך איידער די פֿעדערן זיינען געוואָרן צייטיק. אייניקע פֿלעגן אָפּ־

קויפן ביי די פאַרמערס די פעדערן־גערעטעניש אויף עטלעכע יאָר פאַרויס. די רייכע פאַרמערס פלעגן זייערע פעדערן פאַרקויפן נאָר נאָכן קנייפּן.

די רייכגעוואָרענע פעדערן הענדלער פלעגן אויפקויפן פון די קלענערע הענדלערן; ארויספאָרן פלעגן זיי נאָר צו די גרויסע שטרויספאַרמערס אָפּצוקויפן זייערע אַלע פעדערן. אָפט פלעגן אַריי־מערע קויפער קריגן שותפים זיי צו פינאַנסירן. די קלענערע אויפקוי־פערס פלעגן זיך ארומשלעפּן צו פוס אין גרויסע היצן, צענדליקער מיילן פון איין שטרויספאַרם צו אַ צווייטן ביז פרייטאָג. פרייטאָג פלעגן אַלע הענדלער צוריקקומען קיין אוידטסהאָרן „אויף שאַבעס“, צו פאַרקויפן די איינגעהאַנדלטע פעדערן, מיט נייגיר אויסגעפינען ווי עס האַלט דער פעדערן־מאַרק, צוגרייטן פעדערן פאַר עקספּאָרט און אויסגעפינען וויפל האָט מען געקראָגן פאַר די שוין עקספּאָרטיר־טע פעדערן. די אָרעמערע הענדלער פלעגן צוריק קומען דאָנערשטאָג, ווייל עס האָט זיי ניט געקלעקט קיין געלט אויפצוקויפן מערער. יידן פלעגן קומען אויף שאַבעס אַהיים, ווייל זיי זיינען געווען פרום. זיי האָבן אָפּגעהיט גאַנס געבאָט צו האַלטן שאַבעס פאַר אַ רו טאָג. פאַמיליע־מענטשן האָבן געוואָלט זיין מיט זייערע מישפּאָכעס. יידן פלעגן אריינקומען אויף שאַבעס אויך צוליב דעם, וואָס די בורן, ביי וועלכע זיי פלעגן קויפן פעדערן, זיינען געווען פרום. די בורן וואָלטן גע־האַלטן פאַר אַ גרויסער אַוולע, ווען די יידן — מיישע־ראַביינוס קינ־דער, קינדער פון ביבל־פאָלק, זאָלן מעכאַלעל־שאַבעס זיין. די בורן וואָלטן מיט אַזעלכע יידן ניט געהאַנדלט.

פרייטאָג פרי פלעגן אויך אריינקומען אין אוידטסהאָרן די יידן פון דער אומגעגנט צו פאַרקויפן זייערע פעדערן, דערוויסן זיך ווי עס האַלט דער מאַרק, און נאָך מיטאָג פאָרן אַהיים אויף שאַבעס.

פון פרייטאָג פרי ביז זונטאָג באַנאַכט פלעגן די יידן זיין, אַזוי צו זאָגן, די „מאַיאָריטעט“ פון שטעטל. פרייטאָג פלעגט דער בערזע און יאַריד־גייסט באַהערשן אוידטסהאָרן.

מיטן אָנקומען פון די שטאַרק באַוועגלעכע און טומלדיקע פעדערן הענדלער, פלעגט אוידטסהאָרן אנהייבן רוישן און קאָכן. אין צענטר

פון שטעטל, ווו עס זיינען געווען די שטרויספעדערן ביוראען, דער באנק און באזונדערס ביי דער „אוידטסהארן שטרויספעדערן געזעל־שאפט", וואס איז געווען ווי א מין בערזע, זיינען די טראנזאקציעס געווען געפאקט מיט טומלדיקע יידיש רייידנדיקע פעדערן הענדלער.

די גאס, וואס ציט זיך צו קאליטסדארפ (א קליין שטעטל מיט א סאך יידישע פעדערן הענדלער, א מעהאלעך פון איבער 30 מייל), האט מען גערופן „די יידישע גאס". קימאט אויף יעדן פארם אויפן וועג ביז קאליטסדארפ זיינען געווען יידישע קראמען. דא פלעגט מען קויפן און שמועסן וועגן שטרויספעדערן, יידן פלעגן שפאצירן אין דער גאס און זיך פילן היימיש. אויף אט דער גאס פלעגט מען דיס־קוטירן בעקויל־ראם און אויסטייטשן מיטן גראבן פינגער אלץ וואס האט צו טאן דירעקט און אומדירעקט מיט שטרויספעדערן. אומעטום ווו פעדערהענדלער פלעגן זיך טרעפן, סיי ביין־האשמאשעס אין שול, סיי ביי קארטן, פלעגט מען ריידן וועגן פעדערן.

דער ספעקולאטיווער גייסט פון האנדל מיט פעדערן האט פאר־קישעפט אלע יידן. אפילו די עטלעכע יידישע דאקטוירים און אדוואקאטן האבן געהאט אדער א שטרויספארם אדער זיי זיינען גע־ווען „פאסיווע" שותפים מיט פעדערן סאכרים. א סאך פון די יידי־שע גרויסע סאכרים און עקספארטירערס האבן געהאט אייגענע שטרויספארמס. אייניקע פון זיי האבן געהערט צו די גרעסטע שטרויספארמערס.

ווען די רעגירונג האט באשטימט א קאמיסיע צוצושטעלן א באריכט פון פעדערן האנדל, איז צווישן די רעגירונגס־נאמינירטע גע־ווען א ייד, מאקס ראזו. אין זיין באריכט צו דער רעגירונג יוני 1917 זאגט ער: „איך בין א שטרויספארמער שוין 22 יאר, מיט שטרויספעדערן האנדל איך שוין 27 יאר. פאר דער וועלט־מילכאמע האב איך געהאט זעקס טויזנט שטרויסן."

די יידן האבן געשפילט די גרעסטע ראלע אין פעדערן האנדל, אין עקספארט און אין דער אנטוויקלונג פון דער פעדערן אינדוסטרי, וועלכע האט פארנומען דעם פערטן ארט צווישן די וויכטיקסטע עקס־פארט פראדוקטן אין לאנד.

די שטרויספעדערן פראדוקציע האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנט־וויקלט, אַז פאר אַ גוטער פאר שטרויסן צו פארפירן אַ גוטע ראַסע, פלעגט מען צאָלן טויזנט פונט. ס'איז באַקאַנט אַ פאַל, אַז מען האַט פאר אַן ער באַצאָלט 15 הונדערט פונט. אויך ערד פאר שטרויסנ־צוכט איז שטאַרק געשטיגן. מען פלעגט צאָלן ביז איבער 500 פונט פאר אַ מאַרג.

שטרויספעדערן הענדלער זיינען געווען איבער 90% יידן, אָבער שטרויספאַרמערס זיינען אַן ערך 90% געווען בורן.

אַלע שטרויספעדערן פלעגט מען שיקן קיין לאָנדאָן. זיינען די פאַרדינסטן פון די פעדערן הענדלער געווען אָפּהענגיק פון לאָנדאָנער מאַרק. דאַקעגן די בורישע שטרויספאַרמערס האָבן מיט גאָרנישט ספעקולירט.

די שטרויספעדערן האָבן זיי אַריינגעבראַכט גרויסע סומעס.

יעדן שטרויס פלעגט מען קנייפּן יעדע ניין חדשים. אויסגע־בריטע יונגע שטרויסן האָבן צו ניין כאַדאַשים געהאַט צייטיקע פעדערן. אַזוי אַרום פלעגן די פאַרמערס ווערן רייכער און רייכער. דער ווערט פון די פאַרמס גופא איז אויך געשטיגן. בורן פלעגן אַרומשפּאַצירן אויף זייערע ווערענדעס באַטראַכטן פון דער ווייטענס זייערע שטרויסן און פלעגן זאָגן: „אַט גייען אַרום די שטרויסן, וואָס לייגן גאָלדענע רענדלעך", אָדער „אַט לויפן מיינע גאָלדענע רענדלעך". אייניקע בורן זיינען געוואָרן פון שטרויסנצוכט מיליאָנערן.

יידן זיינען, צוליבן שטייגנדיקן פעדערן־מאַרק, געוואָרן וואָס אַמאָל רייכער און רייכער. מען פלעגט זיך בויען טייערע וווינונגען און געלעבט מייסע פריצים. מען האָט געשיקט די קינדער זיך לער־נען פאַר דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. קימאַט אַלע יידן אין אוידטס־האָרן ביז דער וועלט־מילכאָמע, האָבן זייער גוט פאַרדינט. יידישע אָרימעלייט אין אוידטסהאָרן, גופא זיינען קימאַט ניט געווען. די אָרימעלייט, וועלכע זיינען יאָ געווען, זיינען עס געווען אַריינגעפאַ־רענע אָרימע אַלמאָנעס, קאַליקעס אָדער קראַנקע, וועלכע פלעגן קו־מען צום גווירישן שטעטל צוליבן געזונטן, קילן און טרוקענעם קלימאַט.

## „ירושלים ד׳דארעם־אפריקע"

אוידטסהארן האָט ניט געגעבן דעם רעליגיעזן טאָן פאר די יידן פון דארעם־אפריקע. אוידטסהארן איז אויך ניט געווען קיין רעליגיע־זער צענטער פון טראדיציאָנעלן לערנען. דאך האָט מען אוידטסהארן גערופן „ירושלים ד׳אפריקע". גערופן האָט מען אוידטסהארן אזוי דערפאר, ווייל אין קיין אנדער שטאט אָדער שטעטל א הוץ אוידטס־הארן האָט מען ניט געזען, אז מען זאָל אזוי שטארק אפהיטן — סיי יונג און סיי אלט — דעם רעליגיעזן און טראדיציאנעלן ארט לעבן פון דער אלטער היים.

אוידטסהארן האָט מען גערופן „ירושלים ד׳אפריקע" אויך ניט דערפאר וואָס דארט איז געווען פראפארציאנעל א גרעסערע צאל יידן ווי אין אַנדערע צענטערס. קייפטאון און יאהאנעסבורג צ.ב. האָבן געהאַט אַ סאך מאָל מער יידן. אין אוידטסהארן זיינען אָבער די יידן געווען קאנצענטרירט אויף אַ קליינעם שעטאך. קימאט אלע האָבן זיי געשטאַמט פון קעלם און שאוול. זיי האָבן זיך איינע די אנ־דערע גוט געקענט. זיי האָבן געבילדעט אין אוידטסהארן אַ מין רעליגיעזע סעקטע, וואָס איז — כויץ אלגעמיינע געזעלשאפטלעכע איניאנים — קימאַט געווען אפגעזונדערט פון די ניט־יידן. זיי זיי־נען אויך געווען אפגעזונדערט פון די יידן מעאייווער־לעיאַם און אפילע פון די יידישע צענטערס אין דארעם־אפריקע גופע. עס האָט זיך געשאפן אין אוידטסהארן אַ רעליגיעז־ציאניסטישע וואַנט, וואָס האט ניט צוגעלאזן קיינע מארערנע ווינטן.

„ירושלים ד־אפריקע" האָט פארגעזעצט און נאכגעמאַכט אַלע טראדיציאנעלע און רעליגיעזע מינהאגים און דעם ריטואל אַזוי ווי ביי זיך אין דער אלטער היים — קעלם און שאוול. לעהייפעך צו אנדערע יידישע צענטערס האָט אין דעם שטייגער לעבן אנטיילגענו־מען אויך די יוגנט.

אוידטסהארן האָט געהאַט צוויי באַטיי־מעדראַשים, אַ מיקווע, אַ ראַוו, אַ רעוורענד, דריי שאַכטים, מעלאַמדים, אַ טאַלמעד־טיירע, אַ העברעיִשע שול, אַ כעוורע קאַדישע, כעוורע שאַס, כעוורע טילים, גמילעס־כאַסאָדים, פּרויען הילפסאַראיינען און עטלעכע ציאָ־ניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין יידישע הייזער זיינען געהאַנגען בילדער פון באַראָן הירש, איצכאַק־עלכאַנאַן, ווילנער גאַען, מיישע מאַנטעפיאָרע, הערצל און בילדער פון ראַבאָנים אין זייערע מיישפּאַכעס. אַ סאַך ווייבער האָבן געטראָגן פּאַרוקן. אין קיין שטעטל האָט מען ניט גערעדט אַזוי פיל יידיש ווי אין אוידטסהאָרן.

אַ היפּשע צאָל קראָמען איז געווען פאַרמאַכט שאַבעס אָבער דער גרעסטער טייל פלעגט זיין אָפן. מאַנכע פלעגן האַלטן זייערע קראָמען אָפן, אָבער זיי אַליין פלעגן ניט שטיין; זייערע ניט־יידישע אַנגע־שטעלטע פלעגן פאַרוואַלטן אום שאַבעס מיט זייערע קראָמען. אויך צו האַלטן די קראָמען אָפן אום שאַבעס האָט מען זיך קענטיק גע־מאַכט אַ העטער. האַלטן די קראָמען אָפן אום שאַבעס איז ניט געווען אַזאַ כעט, ווי צום ביישפּיל, רויכערן אום שבעס. מיטן אויסנאַם פון שטעטלשן אַפּיקיירעס — אַ דייטש־ריידנדיקער ייד — וואָס אַטעיִזם איז ביי אים געווען אַן אידעע פיקס, און די שטעטלשע יידן האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ מעשוגעדיקן פילאָזאָף — האָט קיין ייד ניט גערויכערט בעפאַרהעסיע אום שאַבעס ביז 1927־טן יאָר. אַפילע אין קאָרטן פלעגט מען ניט שפּילן אום שאַבעס ביז דער ערשטער שטערן פלעגט זיך באַווייזן. איז אַ ייד פון אוידטסהאָרן, זייענדיק אין קייפּטאָון אָדער אין יאָהאַנעסבורג, געפאָרן אום שאַבעס מיטן טראַמ־וויי, פלעגט מען זיך אין אוידטסהאָרן באַלד דערוויסן און האָבן אַ טעמע צו באַריידן. אַפילע אַזעלכער וועמען פרומקייט איז ניט געלעגן אין דער לינקער פּייע, פלעגט אויסמיידן אָנצוקומען אין אוידטס־האָרן אום שאַבעס. באַזונדערס פלעגן אויסמיידן אָנצוקומען אין שטעטל אום שאַבעס די יידישע „וואָיאַזשאָרן“. אויב זיי פלעגט אויסקומען צו פאַרבלייבן איבער שאַבעס, פלעגן זיי זיין זייער פאַר־

זיבטיק קיינער זאל ניט באמערקן זיי רויבערן, ווייל צוליב דעם וואלטן זיי שטארק געליטן ביים קריגן באשטעלונגען.

מיטן אויסנאם פון אייניקע האבן אלע אין אוידטסהארן אויך אפגעהיט קאשרעס.

איבערהויפט פלעגט מען אין דער „גרינער שול" אפהיטן אלע יאנטייווים ווי אין דער אלטער היים. טישע באוו פלעגן יידן אין זאקן זיצן אויף איבערגעקערטע בענק, אדער אויף דער ערד. אין שול האט געהערשט אומעט און טרויער. מיט האסמאדרע האט מען געזאגט קינעס — פונקט ווי דער כורבען פון ביים־האמיקדעש וואלט פארגעקומען ערשט איצט אין זייערע צייטן. דערפאר סימכאס־טייערע האט מען געהוליעט; די דערוואקסענע מיט סייפער־טיירעס און יונגווארג — מיט פאנעס, פונקט ווי אין קעלם און שאוול.

א כוץ גיין אין שול, נאכן טשאלנט „כאפן א דרעמל", אדער אפשטאטן וויזיטן האבן שאבעס די ענערגיישע שטרויספעדערן הענדלער גארניט געהאט וואס צו טאן. שאבעס איז געווען פאר זיי א לאנגער טאג. זיי האבן זיך געלאנגווייליקט. פלעגן זיי פארברענגען אין שול קימאט דעם צווייטן האלבן טאג אויך. מען פלעגט זיך צוהערן ווי מען זאגט די בלאט; מען פלעגט זאגן טילים. אבער די ניט לערנער און די יינגערע פלעגן ווילנדיק ניט ווילנדיק שמועסן אויף דער טעמע, וואס איז געווען די אקס, ארום וועלכער אוידטסהארן האט זיך געדרייט — שטרויספעדערן. דערפאר אבער, אז עס פלעגט קומען א מאגיד אדער א מעשולעך (קיין אוידטסהארן פלעגן זיי אלע קומען) פלעגט זיי קומען הערן אזא עילאם ווי אין קיין שום אנדער שטעטל. א גוטער מאגיד פלעגט זיי מעכאיע זיין,

א ברים, א באר מיצווע, טנאים, אדער א כאסענע אין אוידטסהארן איז געווען א וויכטיקע דאטע אין שטעטל. דאס פלעגט זיין א סימכע ניט נאר פאר די נאענטע, נאר ס'איז געווען א שטעטלשער איניען. איז עמיצער געשטארבן, האט מען פארגעסן זיינע אוולעס און אים פארגעבן פערזענלעכע און אלגעמיינע כאטאים, און מען

האָט געגומען, אזוי צו זאגן, צוגרייטן דעם שילד אויף זיין מאַציייווע — „איש צאַדיק ווּעיאַשאָר".

האָט זיך פאַרוועלט אַ נעגידיש טעכטערל (אַ טאָכטער פון איי־נעם פון די גאר גרויסע שטרויספּעדערן סאָכרים און שטרויס־פאַרמערס) אוים לאַנגווייליקייט זיך שמאַדן און ווערן אַ מיסיאָנער־קע, האָט דעם ביזאיען און צאַר געפילט דער גאַנצער „יידישער שיי־וועט" אין אוידטסהאָרן; די פּאַסירונג איז געווען אַ טעמע אויף לאַנגע יאָרן. קליינשטעטלדיקע און קעהילע מאַכלויקעס זיינען געווען לאַרויוו. אבער אין אַלגעמיין האָט געהערשט אין אוידטסהאָרן אַ שייוועט־אַכראַיעס, צוזאַמענלעבן און שאַלעם.

יעדער ייד, וואָס פּלעגט קומען צו גאַסט קיין אוידטסהאָרן און זען פאַר זיך פּריטאַגצונאַכט אין אַלע יידישע הייזער געבענטשטע ליכט, זען ווי יידן זיינען „אַרוים פון די פּעדערן" און אַריין אין די ביגדעי שאַבעס, געוואַשענע, קינדער געצוואַגענע — ווי זיי אַלע ציען זיך אין די צווייי שולן אַריין. און שאַבעס אַ גאַנצן טאָג טראַטוּאַרן מיט יידן אין ביגדעי שאַבעס בעייסן „לייענען", גייענדיק פון שול, אָדער שאַבעסדיק שפּאַצירנדיקע יידן — פלעגט ווערן דערשטוינט: איז דאָס מעגלעך, אז דאָס וואָס ער זעט פאַר זיך איז אין דער ווירקלעכקייט, און אין דאַרעם־אַפריקע, צי דאָס איז ער גאר אין דער אלטער היים!?

און יעדערער פלעגט זאָגן: „יאָ, אוידטסהאָרן איז ירושלים ד'אַפריקע!"

# דער גייסטיקער פּאַרצעף פון די יידן אין אוידטסהאָרן

די ערשטע יאָרן נאָכן אריבערקומען קיין אוידטסהאָרן האָבן זיך די יידן געפילט איינזאם און פאַרוואָגלט, אויף טויזנטער מייל ווייט פון זייערע היימען און נאָענטע.

דער באַוווסטזיין, אַז זייערע פרויען, עלטערן און מישפּאָכעס וואַרטן אויף זייער באַלדיקער מאַטעריעלער שטיצע, דער פאַקט וואָס זיי זיינען געקומען אויף דער ווייל „מאַכן געלט" און פאָרן צוריק אַהיים, און אויך דער ספּעקולאַטיווער גייסט פון דעם גאַנצן האַנדל מיט שטרויספעדערן, האָט זיי סטימולירט אַריינצוואַרפן זיך אין דעם האַנדל מיטן גאַנצן ברען און אימפּעט, כדיי צו ווערן וואָס גיכער מאַטעריעל דערפאַלגרייך. דער פיבערדיקער האַנדל מיט פעדערן האָט זיי אינגאַנצן אַבסאָרבירט, און פאַר זייער גייסטיקן לעבן האָבן זיי קימאַט ווי גאָרניט געזאָרגט.

אוידטסהאָרן איז געווען אַ פאַרוואָרפן ווינקל און ווייט פון אַ גרעסערן אַלגעמיינעם אָדער יידישן קולטור־צענטער אין ד. אַפריקע. דעם גייסטיקן פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון זייער היים איז (מיט ווייניק אויסנאַמען) געווען דאָס קליינשטעטלדיקע בעל־מעדרעש לעבן. מיט די מער קולטורעלערע עלעמענטן זיינען זיי ניט געקומען אין באַרירונג. אויך מיטן פאַרויסגייענדיקן מאָדערנעם לעבן זיינען זיי ניט געווען פאַרבונדן. אין קאָנטאַקט פלעגן זיי קומען נאָר מיט די בורן, וועלכע זיינען געווען קולטורעל נידעריקער פון זיי. נאָך אויף אַ נידעריקערער קולטור שטופע זיינען געווען די קאַלירטע מיט וועלכע זיי פלעגן קומען אין באַרירונג. סיי פון די בורן און סיי פון די קאַלירטע האָבן די יידן גאָר ווייניק געקענט גע־ניסן. האָבן די יידן פון אוידטסהאָרן פאַרגעזעצט זייער פריערדיקן קליינשטעטלשן לעבן אין אַ פרעמדער סוויווע.

זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף שאַפן מעגלעכקייטן פֿאַרצו־זעצן זייער היימישן לעבנשטייגער — דער איינציקער אַרט לעבן, וואָס איז זיי געווען באַקאַנט, נאָענט און האָט זיי דערמאָנט אָדער טיילווייז פֿאַרביטן די היים און געלינדערט זייער בענקשאַפֿט נאָך דער היימישער סוויווע.

זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף רעליגיע און שפּעטער צו אויך אויף ציאָניזם. די פֿרייע צייט פֿלעגן זיי אויספֿילן מיט שפּילן אין קאָרטן. קאָרטנשפּיל פֿלעגט אויך זיין אַ מין „געזעלשאַפֿטלע־כער" ספּאָרט און אַ צייט פֿאַרטרייב. ביים שפּילן אין קאָרטן פֿלעגט מען רייד'ן וועגן דער היים, וועגן פֿעדערן און ביכלאַל וועגן „וועלט" איניאַנים. קאָרטן־שפּיל פֿלעגט זיי באַרואיקן זייער אויסגע־מאַטערטקייט און אַנגעשטרענגטקייט פֿון זאָרג און גייעג געלט צו מאַכן.

דאָס שפּילן אין קאָרטן האָט זיי שטאַרק אַריינגעצויגן און פֿלעגט ביי אַ סאַך פֿון זיי צונעמען דעם גרעסטן טייל פֿון זייער פֿרייער צייט און אינטערעס אַנטיילצונעמען אין געזעלשאַפֿטלעך־קולטורעלע איניאַנים. מען פֿלעגט אָפּטמאָל זיך זעצן שפּילן קאָרטן שאַבעס אוונט און אָפּשפּילן ביז זונטאָג אינאָוונט. קאָרטן־שפּיל איז געוואָרן אַ קרענקלעכע געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונג, פֿון וועלכער מ'האָט זיך נאָך אַד־האָיאָם ניט באַפֿרייט.

מיטן אַריבערקומען פֿון אַ סאַך פֿאַמיליעס, פֿרויען, קינדער, עלטערן, ברידער און שוועסטער האָט מען גענומען זיך דערוויטערן און ווערן אָפּגעפֿרעמדט פֿון דער אַלטער היים, און זיך קאָנצענטרירן אויף זייער אייגן וועלטל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון דער „קליינער קאָרו" און דעם אָרום. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דער ווייט גרעסטער טייל פֿון די אויידטסהאָרנער יידן האָט פֿאַרלוירן דעם אינ־טערעס און קאָנטאַקט מיט דער אַלטער היים. אין אויידטסהאָרן איז אַפֿילע ניט געווען קיין קעלמער אָדער שאָולער בעוורע אָדער לאַנדסמאַנשאַפֿט. די פֿאַרבינדונג מיט דער אַלטער היים איז ביי זיי געבליבן אין דער פֿאָרם פֿון צדקה און ראַכמאָנעס געפֿיל. ווען עס פֿלעגט קומען אַ קעיל־קיירע פֿון די ראַבאָנים אָדער באַלעבאַטים פֿון

קעלם, ישאָוול אָדער דערבייאיקע שטעטלעך, אדער, ווען עס פלעגן קומען רעליגיעזע און ציאָניסטישע מעשולאַכים (אין דער צייט פון דער וועלט־מילכאָמע פלעגט מען אויך קלייבן פארן רעליף־פאָנד) און די אוידטסהארנער יידן האָבן געגעבן מיט א ברייטער האַנט. די נאָענטע באַקאַנטשאַפט צווישן די יידן אין אוידטסהארן האָט גע־שאַפן אַזאַ לאגע, אַז זיי האבן געמוזט געבן, ווייל אַנדערש האָט „ניט געפּאסט“. ווען עס פלעגט נויטיק זיין, פלעגט מען „באַאיינ־פלוסן“. אזוי ווי קיינער האָט ניט געוואלט זיין קיין יעיצע מין האקלאל, האָט מען געגעבן געלט. כוץ געבן געלט פאר אויסלענ־דישע צוועקן, און אויסער אויסהערן ווען ניט ווען אַ מעשולעך אדער אַ ציאָניסטישן עמיסאר, זיינען די אוידטסהארנער יידן געווען אפּגע־זונדערט פון דער ארומיקער וועלט. מ׳האָט זיך געפירט „אַ לעבן פאר זיך“.

דער גאר גרעסטער טייל פון די אוידטסהארנער יידן האָט ניט געהאט קיין אינטערעס פאר געזעלשאַפטלעכע פראגן. דעם כויש פאר קולטור־איניאָנים האָט געפעלט ביי זיי. האבן דעריבער די אויבער־האנט גענומען די מער אגרעסיווע, די מער רעליגיעז־לאַמדאָנישע עלעמענטן און די עטלעכע מאסקילישע אינטעלעגענטן. זיי זיינען גלייך צוגעטראטן צו שאַפן די מעגלעכקייט אפצוהיטן קאשרעס, געקראגן אַ שייכעט, אַ מעיעל, אַ ראבינער, געבויט אַ בעס־מעדרעש, אַ בייס־עילאָם, כעווערע־קאדישע א.א.וו. די מאסקילישע אינטע־לעגענץ ווידער איז געווען כייוועווי־ציאָניסטיש און געמיינט, אַז זיי זיינען עס בארופן אלס אפּאסטאלן — אלס די מיסיאָנערן פון מאָ־דערנעם נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק. זייער מיסיע האָבן זיי געזען אין פארשפרייטן ציאָניזם און העברעיש — אַן וואס „מאַשיאַך“ קען ניט קומען.

מיטן אראפּברענגען די מישפאָכעס האָט זיך דאָס לעבן פון די יידן אין אוידטסהארן גענומען מער סטאביליזירן. סיי די רעליגיעזע, סיי די ציאָניסטישע עלעמענטן האָבן גענומען אויסנוצן די קינדער און די יוגנט ווי אַ מיטל צו פארשפרייטן זייערע אנשויונגען און אי־דעען. מ׳האט געקראגן ראַבייאים, געשאַפן אַ העברעישע שול, אַ טאַל־

מער־טיירע אריינגעצויגן די יוגנט אין ציאָניסטישע ארבעט א.א.וו. פון יעדער סימכע פלעגן די רעליגיעזע און ציאָניסטישע עלעמענטן אפּלעקן אַ ביינדל. פלעגט צ.ב. פּארקומען אַ בארמיצווע, פלעגט דער באָכער, אַ כוץ מאַפטיר — וואס עס פלעגט נעמען מאנאטן אים אויסלערנען — דארפן איינכאזערן אַ „ספּיטש" (אַ דראשע) אין „היברו" (אפּט אויך אין ענגליש.) ס'איז ניט וויכטיק געווען צי ער פארשטייט וואָס ער זאָגט, אדער ניט — אבי עס איז אין העברעיש. מען פעלגט אויף יעדער סימכע קלייבן געלט הויפּטזעכלעך פאר ציאָ־ניסטישע פאנדן.

אוידטסהארן איז געווען ניט, נאר אַ רעליגיעז נאר אויך אַ ציאָניסטיש שטעטל. אוידטסהארן איז אבער געווען דאס יידישסטע שטעטל אין ד. אפריקע אין זין פון יידיש ריידן.

ניט געקוקט אויף דער ציאָניסטישער פּראפּאגאנדע, אַז „יידיש איז אַ זשארגאָן" און אַז דאס איז די שפּראך פון גאלעס — דאָך האָבן די אוידטסהארנער יידן גערעדט יידיש און עס האָט נישט עקזעסטירט ביי זיי קיין פאראכטונג צו זייער שפּראך פון דער אלטער היים, ווי דאס איז געווען, אין די ציאָניסטישע קרייזן פון קייפּ־טאון און יאהאנעסבורג. די סוויווע אין אוידטסהארן איז ניט געווען אסימילאציע פעיק. די צאל ענגלענדער אין אוידטסהארן איז געווען קליין און האט ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָל אין קולטורעלן לעבן פון אוידטסהארן. עס זיינען געווען פאקן, ווען ענגלענדער האבן זיך געפילט (און מאנכע פילן זיך נאך היינט) היימישער אין דער בורי־שער שפּראך. די בורן ווידער זיינען ביז נאָך דער קריג געשטאנען קולטורעל נאָך נידעריקער פון די יידיש ריידנדיקע. דאך האָט די ציאָניסטיש־העברעישע פּראפּאגאנדע געהאט אַ ווירקונג אויף די אויפגעקומענע רייכע יידן — די „אריסטאקראטן". עס פאסט דאך ניט פאר רייכע אריסטאקראטן יידן אַ ציגיינער לאָשן, אַ „גאלעס־שפּראך" אינדערצייט, ווען זיי זיינען ניט געווען אין גאלעס. זיי האבן זיך דאך דאָ געפילט היימיש. וואס רייכער מען איז געווארן, אלץ מער האט מען גערעדט ענגליש. מ'האָט גענומען שיקן די קינדער שטודירן אין ענגלישע אוניווערסיטעטן. דאָס האבן שפּעטער נאכגע־

טאן אלע יידישע פאמיליעס אין אוידטסהארן. עס איז קימאט ניט געווען איין פאמיליע אין אוידטסהארן, וואס זאל ניט האבן כאטש איין דאקטאר אדער אן אדוואקאט אין דער מישפאכע. צווישן אט די אויסגעשטודירטע דאקטוירים איז געווען א היפשע צאל, וועלכע זיינען צוריק געקומען פון ענגלאנד מיט ניט קיין יידישע פרויען. דאס האט געשאפן בייז בלוט צווישן די רעליגיעזע עלטערן און די קינדער, וועלכע האבן אין דער היים געקראגן א רעליגיעזע דער־ציונג.

די מעכיצע צווישן עלטערן און קינדער איז נאך מער פאר־שארפט געווארן.

דער גאר גרעסטער טייל פון די אויסגעשטודירטע האבן, צוריק־קומענדיק זיך ניט באזעצט אין אוידטסהארן, ווייל, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען איז שוין אוידטסהארן געווען פאראר״מט.

ביכלאל גענומען מיט ווייניק אויסנאמען זיינען קיין געמישטע כאסענעס אין אוידטסהארן ניט געווען.

אין 1904 האט אן אויסלענדישע יידישע טרופע באזוכט אויך אוידטסהארן. אלע יידן פון שטעטל זיינען געגאנגען זען יידיש טעא־טער. פון צייט צו צייט פלעגט קיין אוידטסהארן אריבערקומען א יידישע טעאטער־טרופע, וואס פלעגט זיך ארגאניזירן אין יאהאנעס־בורג. די אוידטסהארנער ציאניסטישע יוגנט פלעגט אמאל דורכפירן א יידישע פארשטעלונג אלס א פארוויילונג.

אין 1911־טן יאר האבן עטלעכע מאסקילישע אינטעלעגענטן צו־נויפגעזאמלט £340 פאר א ביבליאטעק. דעם 2־טן נאוועמבער 1911 האט זיך געעפנט די ביבליאטעק אונטער דער פארוואלטונג פון ציא־ניסטישן פאריין. אין ביבליאטעק זיינען געווען 181 יידישע ביכער, 52 — העברעישע, 29 — ענגלישע (וועגן ציאניזם און נאציאנא־ליזם) און 10 פארשיידענע פעריאדישע זשורנאלן אין יידיש און ענגליש. די ערשטע צייט זיינען געווען 106 לייענער. ווייניק האבן געלייענט ביכער. א סאך פלעגן ניט אומקערן די ביכער. די וועלכע פלעגן לייענען, האבן פארלוירן דעם אינטערעס, ווייל קיין נייע בי־כער פלעגט מען ניט צוקויפן. צום סאף פון 1914, נאכן אויסברוך

פון דער וועלט־מילכאָמע, האָט מען די איבערגעבליבענע ביכער אי־
בערגעגעבן דער שטאָטישער ביבליאָטעק. געווען זיינען דאן נאר
36 לייענער. אין אַ קורצער צייט ארום האָט די שטאָטישע ביבליא־
טעק זיך געווענדעט צו די פריערדיקע באַלעבאָטים פון די ביכער,
וואס צו טאן מיט די יידן, וועלכע נעמען די יידישע אדער העברעי־
שע ביכער און זיי קערן ניט אום צוריק. די ביבליאטעק־פארוואלטונג
האט געפרעגט: „זאָל מען די יידן צווינגען אומקערן די ביכער אדער
ניט?" האט די פריערדיקע פארוואלטונג אינסטרואירט די שטאטישע
ביבליאטעק ניט צו מאנען די ארויסגעגעבענע ביכער, און מען האט
רעקאמענדירט די שטאטישע ביבליאטעק מער אינגאנצן ניט ארויס־
צוגעבן יידישע און העברעישע ביכער, ווייל, צווינגען די יידן אומ־
קערן די ביכער קען זיי אזוי דערצארענען זיי זאלן ניט וועלן געבן
קיין געלט אויף ציאָניסטישע צוועקן, און די ציאָניסטישע פאנדן
קענען פון דעם שטאַרק ליידן. אין יאָר 1922 האָט די שטאטישע
ביבליאטעק צוריקגעגעבן דער ציאניסטישער אָרגאניזאציע אלע אי־
בערגעבליבענע ביכער. היינט צו טאג געפינט זיך נאָך אַ היפשע צאָל
ביכער — ווי אפגעפליקטע שטרויסן, מיט צעריסענע רוקנס — אין
פארשלאסענעם גרויסן אלמער פון דער „העברעישער שול".

אין 1921־טן יאר האָט באזוכט אוידטסהארן פרץ הירשביין,
דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, וואָס אַ באַוווסטער יידישער
שריפטשטעלער האָט באַזוכט די אוידטסהארנער יידן. פרץ הירש־
ביין איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיי ניט אלס
זאמלער פאַר ציאָניסטישע פאנדן אָדער יעשיוועס, נאָר האָט גע־
רעדט צו זיי וועגן דער מאָדערנער וואקסנדיקער יידישער ליטערא־
טור און וועגן יידישן לעבן אויסער פאלעסטינע. דער שטאטזאל,
וואָס נעמט אריין 500 מענטשן איז געווען געפאקט. זיי האָבן גע־
הערט פון דעם גאסט אזוינס, וואָס זיי האבן נאך פון קיין רעדנער
ביז דאן ניט געהערט.

אָט וואָס פרץ הירשביין שרייבט וועגן זיין אנקומען אין אוידטס־
הארן („פעלקער און לענדער"). „ווי דער שטייגער, האָט זיך דער
שמועס אנגעהויבן אויף אַ צעבראכענעם ענגליש מיט אַ בורישן אַק־

צעֶנט. אַזוי הייבט זיך דאָ אָן צו פאַרבינדן אַ שמועס, ווען יידן באַ־ געגענען זיך, פאַסט ניט אָנהויבן ריידן יידיש. קאַוונער יידיש. בלויז איינער אין די מיטעלע יארן, וואָס איז געזעסן מיט מיר אין אויטאָמאָביל, ווען מען איז געפאָרן פון באַן, ער אַליין האָט גלייך פון אַנהויב אָנגעהויבן צו ריידן יידיש צו מיר. די שפּראַך און די אויסשפּראַך ריין מיט צומיש פון העברעישע ווערטער. אָבער דאָס איז ניט געווען קיין ייד. אַ פולבלוטיקער קריסט, דער שטאָט־מעיאָר פון דער יידישסטער פון אַלע שטעטלעך. ער איז אַרויסגעפאָרן באַ־ געגענען דעם יידישן שרייבער און אָפּגעבן אים קאָוועד. יאַנקעלע — אַזוי רופן אים די יידן. ער איז זייערער. ביי זיי און מיט זיי אויסגע־ וואַקסן. זיי האָבן אים געהאָלפן צו ווערן דער מעיאָר פון אוידטס־ האָרן. ער האָט שפּעטער ניט פאַרפעלט קיין איין לעקציע מיינע.״

יאַנקעלע — יאַני דע יאַגער, איז ניט געווען דער איינציקער. אַ היפּשע צאָל בורן, וועלכע האָבן געאַרבעט, אָדער געקומען אין טאָג־ טעגלעכן קאָנטאַקט מיט יידן, האָבן געקענט ריידן יידיש. נאָך אַ סאַך אַ גרעסערע צאָל ברוינע, וועלכע פלעגן אַרבעטן פאַר יידן האָבן גע־ רעדט גוט יידיש.

ניט געקוקט דערויף, וואָס אַ סאַך יידישע קינדער פלעגן קענען ריידן בוריש — די שפּראַך פון די קאָלירטע מיידלעך — זייערע אויפּ־ זעערינס, פלעגן זיי נאָכן ענדיקן די פאָלקסשול (אָדער די העברעישע רעגירונגס שול) ריידן נאָר ענגליש. די עלטערן פלעגן זיך דאַרפן צו־ פּאַסן צו די קינדער, צוערשט ריידן מיט זיי בוריש און שפּעטער אַ צעבראָכענעם ענגליש. דאָך האָט דער געבוירענער אין אוידטסהאָרן פאַרשטאַנען און גערעדט יידיש, ווייל יידיש איז געווען די שפּראַך פון טאַטע־מאַמע און פון דער סוויווע. אָבער קיין קולטור דערציונג אין דער יידישער שפּראַך האָבן זיי ניט געקראָגן. קיין יידיש בוך אָדער צייטונג האָבן זיי ניט געלייענט.

די וועלט האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע אויפטרייסלונגען: קריג, רעוואָלוציעס א. ד. גליכן, עס זיינען אַריינגעקומען נייע שטרעמונגען און אידעען אין יידישן לעבן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע מאָדערנע קולטור אָבער פון דעם אַלעם איז געבליבן פאַר די

יידן פון אוידטסהארן נאָר די... — באלפור דעקלאַראַציע.

אין אוידטסהארן איז ניט געווען קיין איין אַנטיציאָניסט. עס זיינען געווען נאָר צוויי פּאסיווע ניט ציאָניסטן. אין אוידטסהארן האט קיין מאָל ניט עקסיסטירט קיין פּראגרעסיווע אָדער ראַדיקאַלע אָרגאַ־ניזאציע. עס איז אפילע קיין מאָל ניט געווען קיין איין איינציקע גרופּע, וואָס זאָל האָבן אַן אינטערעס פאר דער מאָדערנער יידישער ליטעראטור און קולטור. אַ כּוץ מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ האָבן זיי אפילע די נעמען פון די אַנדערע שרייבער ניט גע־הערט. ווען פּרץ הירשביין איז געווען אין אוידטסהארן, האָבן אַ סאך יידן געמיינט, אַז ער איז י.ל. פּרץ.

קיין יידישע בוכהאַנדלונג, ווו מען זאָל קריגן אַ יידיש בוך אדער אַ צייטונג איז ניט געווען. אין די ערשטע יארן פלעגן נאָך אריינקומען דער פעטערבורגער „פריינד", די „הצפירה", אמערי־קאַנער יידישע צייטונגען, און זעלטן ווען אויך אַ היגע יידישע צײ־טונג. וואָס ווייטער פלעגן אַריינקומען אַלץ ווייניקער יידישע צייטונגען. היינט צו טאָג קומט אין אוידטסהארן ניט אריין קיין איין יידיש בוך; יידישע צייטונגען — בלויז עטלעכע. (עס קומען אָן עטלעכע העברעישע צייטונגען ניט ווייל מען לייענט זיי, נאָר עמיץ איז ספּעציעל אראפּגעקומען צו שאפן אבאָנענטן פאר אַ העברעישער צייטונג, ווייל, ווי פאַר ציאָניסטן האָט די אוידטסהארנער יידן ניט „געפּאסט" ניט צו אבאנירן.) היינט צו טאָג רעדט יידיש דער עלטע־רער דאָר — אַן עלעמענט, וואָס שטאַרבט אָפּ, און מיט יעדן פון זיי ווערט די צאָל יידיש־רײדנדיקע פאַרקלענערט. קיין ארבעטערשאפט — די טרעגער פון דער יידישער שפּראַך און מאָדערנער ליטעראטור — איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען. אויף ווי ווייט קולטורעל פּאַ־סיוו עס זיינען געווען די יידן אין אוידטסהארן און זיינען נאָך אַד־היאיעם, קען דינען דער פאַקט, וואָס כּוץ פּרץ הירשביין (אַ 4 זייטלדיק קאַפּיטל אין „פעלקער און לענדער") האָט קיינער נאָך ניט אָנגעשריבן אפילע אַן ארטיקל אין יידיש (אויך ניט אין ענגליש) וועגן דעם יידישסטן שטעטל אוידטסהארן — דעם אמאָליקן ירושלים ד'אפריקע.

# באציונג פון די בורן צו די יידן

ווי ביי פאנאטישע אנהענגער פון דער ווייסהויטיקער הער־שאפט, האט עקסיסטירט א מעכיצע און א שארפער האס פון די בורן צו די ברוינע און שווארצע. דעם האס צו די ברוינע און שווארצע פלעגט מען אין זיי איינפלאנצן פון קינדרווייז אן.

דריבער איז די מעכיצע געווען ניט נאר ווי צווישן באלעבאס און זיין ארבעטער, נאר די בורן האבן באטראכט די ברוינע און שווארצע ווי מינדערוווערטיקע באשעפענישן, מיט וועלכע „עס פאסט ניט" צו האבן א וועלכע ניט איז געזעלשאפטלעכע מאגא אומאסע. כוץ אין אוידטסהארן גופע פלעגן די בורן פון דער אומגעגנט מיט די ענגלענדער קימאט ווי ניט קומען אין קאנטאקט. זיי האבן ניט געטרויט די גע־שייטע ענגלענדער, זיך געשראקן פאר זיי און בעמיילע זיי געהאסט, ווייל די ענגלישע הערשאפט איז דאך געווען די סיבע פון זייער „אוועקטרעקן" (אוועקוואנדערן) ווייט פון צענטר.

ווען די ליטווישע יידן האבן גענומען אנקומען אין אוידטסהארן און אומגעגנט האבן די בורן זיי זייער מעקארעוו געווען. מען האט זיי אויפגענומען ווי באשעווע געסט. זיי איז שטארק געפעלן געווען און אימפאנירט דער איבעס פון די יידן: מיישע ראביינעס קינדער! די קינדער פון פאלק, וואס האט זיי געגעבן די ביבל! מיטן אנקומען פון די יידן וואלט די ביבל ווי לעבעדיק געווארן און באשטעטיקט, אז אלץ וואס די ביבל זאגט איז הייליק און עמעס. זיי האבן געגארט נאך דעם יידנס געזעלשאפט און פריינדשאפט. אלס גרויסע אנהענ־גער פון דער ביבל — דאס איינציק בוך, וואס האט זיך געפונען קימאט אין יעדן בורס הויז — האבן זיי זיך געפילט היימיש אין דעם יידנס געזעלשאפט און אים, לעהעיפאך צו די ענגלענדער, בא־טראכט אלס זייער גלייכן.

די יידן האָבן אין קענגזאַץ צו די ענגלענדער זיך לייכט און גיך אויסגעלערנט בוריש ריידן. דער ייד האָט זיך אויך געפילט היימיש אין דער געזעלשאַפט פון בורן. כאָטש ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף הינטערשטעליקע נאַיווע לאַנד־מענטשן. דאָס וואָס דער ייד איז געקומען פון אַן אַנדער קאָנטינענט און האָט געקענט גוט דעם אַלטן טעסטאַמענט, מאָיסעלעך און וויצן האָט שטאַרק אימפּאָנירט די בורן.

די יידן פלעגן קומען צו זיי אָפּקויפן שטרויספעדערן און די יידישע „שמויזערס" — פאַרקויפן די בורן סכוירע. דאָס פאַרקויפן די שטרויספעדערן צו די יידן איז פאַר די ווייניק ענערגישע בורן געווען זייער באַקוועם. זיי פלעגן פאַרשפּאָרן פאָרן קיין אוידטסהאָרן. די יידן פלעגן צאָלן גוטע מעקאַכים צוליב דער שאַרפער קאָנקורענץ צווישן די שטרויספעדערן קויפער. אַגעוו, איז דער האַנדל מיט שטרויספעדערן געשטיגן זינט די יידן האָבן זיך באַוויזן.

צווישן די שמויזערס און פעדערן קויפערס זיינען אָבער געווען אייניקע שווינדלער, וואָס האָבן נאָר געוואָלט „מאַכן געלט" און האָבן זיך מיט קיינעם און קיין זאַך ניט גערעכנט. יעדער מיטל, קענטיק, האָט באַרעכטיקט זייער ציל. זיי האָבן שטאַרק אויסגענוצט, וואָס מאַנכע בורן זיינען געווען ניט קיין געניטע געשעפטסלייט. זיי האָבן שטאַרק אויסגענוצט די גאַסטפריינדלעכקייט פון די בורן און זיי אָפּט אָפּגענאַרט און באַשווינדלט. דערמיט האָבן זיי פאַרשאַפט ביזיעינעס און באַליידיקונג די איבעריקע יידן. אַט די גראָבע יונגען און אָפּנאַרערס האָבן איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן עקל צו די יידן, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די קומענדיקע דעירעס. עס גייט דאָרט אום אַ ווערטל ביי די יידן: „אויב איר גייט אויפן היגן בעיס־עילאָם, זייט פאָרזיכטיק און היט אייערע קעשענעס, ווייל דאָרט ליגן באַוווסטע גאַנאַווים..."

יאָ, ניט געקוקט דערויף האָבן אַלע מאַצייווע אין אוידטסהאָרן די אויפשריפט: „איש צאַדיק וועיאַשאַר".

טראָץ דעם אַלעם זיינען די באַציונגען פון דעם גאָר גרעסטן טייל פון די בורן צו די יידן בעמעשעך פון צענדליקער יאָרן געווען

זייער אַ גוטע. בורן האָבן רעספּעקטירט די יידן. אויף אַ גרויסער סימכע אָדער ביי אַ גרויסער פּאַסירונג פֿלעגן פּראָמינענטע בורן ארויסטרעטן מיט רעדעס, לויבנדיק די יידן, ניט געקוקט דערויף, וואס די יידן האָבן געפירט אַן אָפּגעזונדערט אָרט לעבן, האָבן אַ סאַך אַקטיוו אנטיילגענומען אין אַלגעמיין שטעטלשע איניאַנים.

ס'איז פאַראַן אַן אויטענטישער דאקומענט (אַ קוויטירונג), וואָס ווייזט, אַז דער פּאָליציאַנט, וועלכער איז געשיקט געווארן צו האַלטן ארדנונג אויף אַ יידישער פאַרזאַמלונג דעם 2־טן אויגוסט 1898 אין דריל־זאַל איז געווען „קאָנסטייבל" קאָהען.־וואס מער יידן האָבן זיך גענומען איינלעבן אין אוידטסהאָרן, אַלץ מער האָבן זיי אנטייל גענומען אין מוניציפּאַלע אַנגעלעגנהייטן. עס זיינען געווען יידישע ראַטמענער און שפּעטער צו אויך עטלעכע יידישע מעיאָרס (בירגערמייסטערס) פון שטעטל.

מיטן וווקס פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביי די בורן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער נייער בורישער קולטור, באַזונדערס אין דער שפּראַך און אויפקומענדיקער ליטעראַטור, האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ מעכיצע, וואָס ווערט וואָס אַמאָל בוילעטער איבערהויפּט פאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר.

אין אוידטסהאָרן האָט געלעבט לאַנגערהאָוון. כוץ וואָס ער איז געווען איינער פון די גרעסטע בורישע פּאָעטן און שרייבערס (פאַר־פאַסער פון די „סטעם" — „די שטימע" — וואָס ווערט באַטראַכט פון די בורן פאַרן נאַציאָנאַלן הימן פון לאַנד). איז ער געווען איי־נער פון די זיילן, און קעמפער פאַרן נאַציאָנאַלן געדאַנק. עס איז אינ־טערעסאַנט, וואָס זיין סעקרעטאַרין און הויפּט אַפּיטרופּוס איבער זיין ליטעראַרישן איבערבלייב איז אַ טאָכטער פון ד. גאָלדבלאַט, איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער פּרעסע אין קייפּטאָון.

לאַנגערהאָוון האָט פּונקט ווי די אויפקומענדיקע אַפריקאַאַנס אינטעליגענץ שטאַרק ניט געוואָלט לײדן, וואָס די יידן ציען זיך נאָר צו דער ענגלישער קולטור און ווייזן אַרויס גאָר ווייניק אינטע־רעס און זיינען גלייכגילטיק צו דער אַפריקאַאַנס קולטור. צוליב דעם האָבן זיך זיינע גאָר פריינדלעכע באַציונגען צו די יידן, פּונקט ווי ביי

אַ סאַך אַנדערע נאַציאָנאַל־פּירנדיקע בורן, אַלץ מער אָפּגעקילט. זיי האָבן גענומען באַטראַכטן די יידן ווי אַ פּראָענגלישן פאַר זייער פּרעמדן עלעמענט. ביזן היינטיקן טאָג האָט דער אַלטער בור נאָך אַ פריינדלעכע באַציונג צו די יידן. אָבער דער נייער דאָר, ביי וועמען די ביבל שפּילט שוין ניט קיין דאָמינירנדיקע ראָל, אַנערקענט ניט דעם יידנס „ביבל־איכעס". זיי באַטראַכטן די יידן אַלס קאָנקורענטן אויף עקאָנאָמישע געביטן, וווּ דער יונגער דאָר בורן וויל אַליין זיך אַריינרייסן און געפינט דעם פּלאַץ „פאַרנומען" דורך יידן. און אויך צוליב דעם שאַרפן נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישן באַוווסטזיין האָט זיך געשאַפן אַ העיפּעכדיקע באַציונג צו די יידן ווי אַמאָל — אַן אומפריינדלעכע אַנטאַגאָניסטישע באַציונג, וואָס גרייכט אַזוי ווייט אַז זיי באַטראַכטן יידן פאַר פרעמדע. (דער פּאַרלאַמענט מיטגליד פאַר אוידטסהאָרן איז אַ פאָרשטייער פון דער אַנטיסעמיטיש־נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי).

## די יערידע

זינט 1896 זיינען די פּרייזן פון שטרויספעדערן קעסיידער געשטיגן. יידן זיינען געוואָרן רייך און רייכער. די אַשירעס איז געוואָרן גוואַלדיק גרויס. „געלט האָט זיך מאַמעש געוואַלגערט אין די גאַסן", און ווי מען זאָגט אין אוידטסהאָרן „מען האָט זיך געוואַשן אין בראַנפן."

מיט יאָרן צוריק איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז עס קען קומען אַ צייט, ווען שטרויספעדערן זאָלן אינגאַנצן אַרויסגיין פון מאָדע. אַפילע די טרעסטבענק (ענגלישע) האָבן געהאַט גרויס ביטאָכן אין דער שטרויספעדערן אינדוסטרי און האָבן געגעבן גרויסע אַוואַנסן די ספּעקולאַנטן און עקספּאָרטערס פון פעדערן. ווי רייך די שטרויספעדערן הענדלער און ספּעקולאַנטן פלעגן ניט זיין, פלעגן זיי האַנדלען, עקספּאָרטירן און האַלטן די פעדערן אין די לאַגערן, אין לאָנדאָן, ספּעקולירן אויף סומעס, וואָס זיינען געווען אַ סאַך גרעסער ווי זייער־

רע קאַפּיטאַלן. אָן די אַוואַנסן פון די בענק וואלטן זיי ניט געקענט ספּעקולירן און האַנדלען אויף אַזאַ גרויסן מאַסשטאַב (די פאַרמערס פלעגט מען דאָך צאָלן בארע געלט). אזוי ארום זיינען די פארמעגנס פון די שטרויספעדערן הענדלער געווען דירעקט און אומדירעקט פאַר־מאַשקנט ביי די בענק.

דער ערשטער זייער ערנסטער קריזיס אין דער שטרויספעדערן אינדוסטרי איז געווען צו סאָף פון יאר 1913, ווען ד. אפריקע האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד פאַר פעדערן־עקספּאָרט. דער קריזיס איז געקו־מען אַזוי אומדערוואַרט און אַזוי שאַרף, אַז עס האָט שטאַרק אַ טרייסל געגעבן דעם גאַנצן ביניען פון דער שטרויספעדערן אינדוסט־רי. ביי מאַנכע האָט אָט די צעטרייסלונג אינגאַנצן פאַרניכטעט זייע־רע אנגעקליבענע קאַפּיטאַלן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אָט דער קריזיס האָט ארויסגערופן אַ פּאַניק ביי די שטרויספעדערן הענדלער, האָט מען עס באַטראַכט ווי אַ פאַרבייגייענדיקן קאַפּריז פון דער מאָדע. דעם געדאַנק, אַז אויסלאַנד קען ווען ניט איז אויפהערן קויפן פעדערן, האָט מען אפילע דאַן נאָך ניט צוגעלאַזן. די סיבעס פון קריזיס זיינען געווען פאָלגנדיקע: ערשטנס איז דאָס געווען אַ קאַפּריז אין דער מאָדע פון פרויען היט, פאַראורזאַכט אין אַ געווי־סער מאָס פון די צאַר־באַלעבאַטים אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אגיטירט קעגן טראָגן שטרויספעדערן. צווייטנס זיינען אין לאָנדאָן געווען גוואַלדיק גרויסע לאַגערן מיט שטרויספעדערן אין ווערט פון אַ סאַך מיליאָנען. האָט מען שטאַרק גענומען פילן אַן איבערפּראָ־דוקציע.

דער עקספּאָרט פון שטרויספעדערן איז ניט געווען רעגולירט דורך דער רעגירונג און איז ניט געגאַנגען לויטן עקאָנאָמישן געזעץ פון „קויף און פאַרקויף“, אָדער „אָנבאָט און פאַרברויך“. מען האָט גלאַט אָנגעליווערט גרויסע לאַגערן פון שטרויספעדערן אין לאָנדאָן. אַזוי ארום האָט דער ריזיקער עקספּאָרט פון שטרויספעדערן פון ד. אפריקע ניט באַטייט, אַז עס ווערט אויסגעפילט דער ליידיקער פּלאַץ, וואָס עס ווערט געשאַפן פון די פאַרברויכער פון שטרויספע־דערן. די באַנק און די גרויסע סאָחרים אין לאָנדאָן האָבן אַוואַנסירט

געלט, דעריבער פלעגט מען שיקן פעדערן אומאפהענגיק פונ'ם נאכ־פרעג אויפן מארק. אפילע אין 1914־טן יאר, ווען אויפן פעדערן מארק איז געווען א קליינער נאכפרעג, האט מען דאך עקספארטירט פעדערן, לויט דער ד. אפריקאנער טאקסירונג אויף א סומע פון £1,342,717.

מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מילכאמע איז געקומען דער „קראך". ווי אן ערד־ציטערנייש האט זי צעשטערט דעם ביניען פון ווילזיין און אשירעס פון די פעדערנהענדלער. ניט נאר אייראפע — די גרעסטע אפנעמערין פון שטרויספעדערן — האט אינגאנצן אויפ־געהערט צו קויפן, נאר אפילע אמעריקע און אנדערע לענדער האבן נאר ווייניק געקויפט. שטרויספעדערן איז פלוצים געווארן א ניט גאנגבארער ארטיקל און די גרויסע געפאקטע לאגערן אין לאנדאן זיי־נען געבליבן ליגן. דאך האט מען נאך אלץ געמיינט, אז דאס איז נאר א צייטווייליקע דערשיינונג פאראורזאכט פון דער מילכאמע. מען האט געטראכט, אז די מילכאמע וועט לאנג ניט אנהאלטן, און אז גלייך נאך דער מילכאמע וועט דער נארמאלער אפזאץ פון שטרויספעדערן צוריקגעשטעלט ווערן און דער פארקויף פון שטרויספעדערן וועט אריבערשטייגן אפילע די ביז איצטיקע גוטע יארן. דעריבער האט מען נאך אלץ עקספארטירט. אין 1915־טן יאר האט מען עקספארטירט (לויט דער ד. אפריקאנער ווערדע) אויף א סומע פון £743,722, אין 1916־טן יאר £486,362, און אין 1918־טן יאר £88,628 (פארן 1917־טן יאר איז ניטא קיין סטאטיסטיק). מיט דעם עקספארט האט מען נאך מער פארלענגערט דעם פעדערן זאפאס אין לאנדאן. מען האט שוין אנגעהויבן פארלירן דעם ביטאכן אין דער צוקונפט פון שטרויספעדערן אינדוסטרי. דערויף ווייזט דער פאקט, וואס אין 1916־טן יאר איז די צאל שטרויסן שטארק געפאלן.

די שטרויספעדערן הענדלער און ספעקולאנטן זיינען געווארן מאכטלאז, פאראימט, נידערשלאגן און פארצווייפלט. די בענק און די אנדערע קרעדיטארן האבן צוגענומען פון די פעדערן הענדלער און עקספארטערס ניט נאר די עקספארטירטע פעדערן און די פעדערן,

וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט אין אוידטסהאָרן (אַגעוו האָבן שוין די פּעדערן געהאַט אַ קליינע ווערדע), נאָר זיי האָבן אויך צוגענומען די פּאַרמאַשקנטע הייזער און „האָב און גוטס", וואָס האָט, אַגעוו, קוים געדעקט די כּיוועס. די שטרויספּעדערן הענדלער, די ספּעקו־לאַנטן און עקספּאָרטירערס זיינען געבליבן פּאַראַרימט און זיך גע־פילט שטאַרק באַאוולט פּונקט ווי עס פלעגן זיך פריער פילן די אָפּ־געפליקטע שטרויסן נאָכן „קנייפּן"...

דער דאַלעס איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זיי זיינען פּאַשעט גע־בליבן אָן אַ ביסן ברויט. די גרעסטע צאָל יידן אין אוידטסהאָרן האָבן פּאַשעט געהונגערט. די קרעמער פון אוידטסהאָרן האָבן גע־שאַפן הילף־אָרגאַניזאַציעס. מען האָט געקראָגן וועגענער פיש פון מאָסל־בעי און מען האָט געקליבן געלט אויף ברויט.

יידן זיינען שוין מער ניט געפאָרן קויפן פּעדערן. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די אוידטסהאָרנער גאַסן ווי ניסראָפּים, ווי אין אַ קלעם; שטאַרק דערשלאָגענע און פּאַריאַושטע.

דאָס רייכע שטעטל אוידטסהאָרן האָט פאַרלוירן איר אַשירעס גלאַנץ און פון אַלע זייטן האָבן גענומען בלאָזן דאַלעס ווינטן.

די בורישע שטרויספאַרמערס, וועלכע האָבן ספּעקולירט, זיי־נען כאַטש געבליבן ביי זייער פּרוכטבאַרן באָדן און הייזער. זיי האָבן דערזען, אַז מ'קען אויך ניט שלעכט פאַרדינען פון פאַרקויפן לוסערן, ווייץ, גערשטן, טאַבאַק, בעבלעך, פּרוכט א. אנד. אַרטיקלען. אָבער די יידן זיינען געבליבן אָן שום עקאָנאָמישן באָדן אונטער זיך. זיי האָבן זיך געקוויקט מיט דער ספּעקולאַטיווער האָפנונג, אַז די מילכאָמע וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן, און מען וועט אָנהויבן אויף דאָס ניי מיט פּעדערן. עס זיינען אַוועק וואָכן, כאָדאָשים און קיין ענדע פון קריג האָט זיך ניט געזען. דער דאַלעס האָט געדריקט און גע־טריבן. האָבן הונדערטער יידן גענומען פאַרלאָזן אוידטסהאָרן. די איבעריקע האָבן זיך גענומען צופּאַסן צו די ניי געשאַפענע באַדינגונ־גען. מען האָט געעפנט קראָמען, קליינע פאַבריקלעך, מען האָט גע־שמוגלט א.א.וו.

ווען די מילכאָמע האָט אויפגעהערט האָבן אַ סאַך פאַרגאַלעסטע

שטרויספעדערן הענדלער גענומען צוריקקערן זיך קיין אוידטסהארן מיט דער האפנונג, אז עס וועט זיך אומקערן די „פראספעריטי" צייט פון שטרויספעדערן אינדוסטרי. מען האט ווידער גענומען קויפן און פארקויפן פעדערן. אין יאר 1919 האט מען עקספארטירט שטרויספעדערן פאר £1,646,014. אבער שטרויספעדערן האבן שוין פארלוירן דעם כעין ביי די פרויען און זיינען ארוים פון מאדע. אין 1920־טן יאר איז שוין דער עקספארט געפאלן אויף צוויי דריטל. וואס ווייטער פלעגט יעדן יאר פאלן מער און מער. אין 1925־טן יאר האט דער עקספארט באטראפן £203,926 און אין 1926־טן יאר בלויז £71,922 פון דעם יאר אן איז דער עקספארט געווארן אלץ קלענער און קלענער.

ענדע 1925־טן יאר זיינען שוין די ווידער אמאל פאראימטע און פארדאלעסטע יידן געקומען צו דער ענדגילטיקער איבערצייגונג, אז די שטרויספעדערן אינדוסטרי, וואס האט געקראגן איר טויט־קלאפ ביים אויסברוך פון דער מילכאמע, שטארבט.

שטרויסן זיינען שוין ניט געווען מער קיין פארמעגן; אוים מיט די „פייגלען, וואס לייגן גאלדענע אייער". שטרויסן זיינען געווארן אן עקאנאמישע לאסט אויף די פארמערס, ווייל דאס פיטערן זיי קאסט טייער. האט מען גענומען זיי פארניכטן אין די צענדליקער טויזנטער. מען פלעגט זיי אויסשיסן. זייער פלייש פלעגט מען טריי־קענען אויף דער זון און פארקויפן ווי א צווייטראנגיקן פלייש אין פארגלייך מיט שפרינגבאק פלייש און הירשן פלייש („בילטאנג"). די דינע פעל זייערע פלעגט מען נוצן פאר פרויען־שיך, לעדערנע בייטעלעך א.ד.גל. פון 728,087 שטרויסן אין 1911־טן יאר (און א סאך מער אין 1912־13־14) זיינען היינט צו טאג דא ווייניקער ווי צען טויזנט (פון דער צאל באזיצט א יידישער פארמער די גרעסטע צאל. דער ייד לעבט אויף א שטרויסנקאמפלעקס. ער לעבט נאך מיט דער איבערצייגונג, אז די שטרויספעדערן אינדוסטרי וועט אויפ־שטיין טכיאס־האמייסים.) די „איכעסדיקע" שיינע און ראמאנטישע שטרויספעדערן, וואס פלעגן באצירן און באשיינען די פרויען פון דער גארער וועלט, ווערן היינט באנוצט צו מאכן ביליגע שטויבערס.

# אוידטסהארן היינט צו־טאג

היינט צו־טאג לעבן אין אוידטסהארן אַן ערעך 500 יידישע נעפאשעם — ווייניקער ווי אַ דריטל פון אמאָל. (די אייראפעישע ניט־יידישע באפעלקערונג אין אוידטסהארן איז פארקלענערט געווארן בלויז מיט אַ קנאפער פערטל).

אין אוידטסהארנער אומגעגנט, ווו עס פלעגט ווימלען מיט יידישע פעדערן העגדלער און קרעמער, זייגען יידן ווי פארשוואונדן. אַ דאנק די גוטע וועגן און צוליב דעם וואָס דאס ראוו פארמערס באַזיצן אויטאמאבילן, פארן זיי אין שטעטל איינקויפן סביירע פאַר זייער געברויך. אַגעוו, האָבן בורישע פארמערס געעפנט אליין קליינע קרעמלעך. דעריבער איז שוין ניטא קיין פלאץ פאַר די יידישע קרעמער, וועלכע האבן אמאָל געשפילט דארט אַ וויכטיקע עקאַנאמישע ראלע. יידן אין אוידטסהארן גופא פארנעמען זיך מיט קרעמעריי. זיי האבן אויך אנטוויקלט אַ לאקאלע אינדוסטרי: צוויי שיך־פאבריקן, אַ טאבאק פאבריק, אַ פאבריק פון מעבל, אַ קעז פאבריק, אַ צוקערקעס פאבריק, און עס זיינען נאָך אויך פאראן עטלעכע דערפאלגרייכע יידישע פארמערס.

דער נאענטער אווער, ווען אוידטסהארן איז געווען ירושלים ד'אפריקע און יידן האבן געלעבט אין גרוים אַשירעס, פארנעמט נאָך אַן אויבנאַן אין די שמועסן, באזונדערס ביים אלטן דאָר. עס האלט נאָך אַ ייד אין אוידטסהארן איינגעפאסט אין אַ ראם צוויי טשעקן: איינער אויף הונדערט טויזנט פונט, וואָס די באנק האָט אויסגעצאלט, ווי אַן אנדענק פון פראספעריטי, און דער צווייטער טשעק, וואָס איז דאטירט מיט אַ יאר שפעטער, נאר אויף איין פונט, פאר וועלכן די באנק האט... ניט אויסגעצאלט — אַ זייכער פון כורבן פון פראספעריטי.

צוזאמען מיט דער יערידע פון דער שטרויספעדערן אינדוסטרי איז אויך געקומען די יערידע פון ירושלים ד׳אפריקע. די לעצטע עטאפן פון דער יערידע פון ירושלים ד׳אפריקע מערקן זיך נאך אין אוידטסהארן; דער איינציקער ראבינער — א זאקן פון איבער אכציק יאר; די ספעציעלע קליינע געביידע מיט דעם וואסערטאנק — די מיקווע — איז איצט א מאציווע פון אן אפגעלעבטן ריטואל; די צווי קאסטבארע שיינע שולן, וועלכע פלעגן אמאל זיין געפאקט, זיינען איצט געווארן צו גרויס, און ס׳איז דארט אזוי זויבער, ציכטיג און אומהיימלעך שטיל.

אין דעם קליינעם קלייזל ביי דער „גרינער" שול, וואס פלעגט זיין געפאקט מיט קוועקזילבערדיקע פאַטעטע קעלמער יידן, וועלכע פלעגן אין מיטן דער וואך זיך איילן אפדאוונען וואס פריער — ווי נאר איין מיניען פלעגט אפדאוונען, פלעגט זיך גלייך שטעלן דאוונען א צווייטער — איז היינט אין מיטן דער וואך קוים דא א מיניען; און אן ערעך פינף פון מיניען זיינען געדונגענע קאדיש זאגערס.

די רעגירונגס — „היברו־סקול" האט וואס אמאל אלץ ווייניקער קינדער. די רעגירונג האט שוין געגעבן גאנץ ערנסטע אנצוהערעניש, אז זי וויל די שול שליסן.

אין דער „גרינער" שול זאגט מען נאך א בלאט געמארע, אבער נאר עטלעכע יידן. ווייניק זיינען שוין געבליבן פון אט דעם טיפ ייד. מיטן טויט פון אן עלטערן ייד ווערט די „עקסיסטענץ" פון „בלאט" באדראט, און אין דעם „כותל מערבי" פון ירושלים ד׳אפריקע ווערט מיט א שטיין ווייניקער...

ירושלים ד׳אפריקע איז קימאט ווי פארשוואונדן.

ייִדישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY